HARVARD COLLEGE
JUN 12 1934
LIBRARY
~~JP 2505.92~~
YP 2505.92
Dr. A.A. Roback
Cambridge


# דער אויפקום

חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור

רעדאַגירט:
ב. י. ביאַלאָסטאָצקי   ז. ווײַנפער

מאַי־יון, 1933   ניו־יאָרק, נ. י.



אין דעם נומער גייען אַריין:

אַרטיקלען פון — ב. גראָבאַרד, ז. ווייַנפער, ב. י. ביאַלאָסטאָצקי, א גרינבערג.

לידער פון — י. גויכבערג, אַלטער עסעלין, מאַרק שוויד, ב. י. ביאַלאָסטאָצקי, א. גרינבערג, מ. ווינאָגראַד, ש. שוואַרץ, אַרטשיבאַלד מעקליש, א. אייסען.   נאָטיצן און איבערזיכטן.


ב. גראבארד

## „אַ טאָג אין רעגענסבורג און אליהו בחור“

(פון י. אָפּאַטאָשו, ניו־יאָרק, 1933)

אַלעמאָל האַלט מען אונז אין איין פאָרוואָרפן אונזער יונגקייט. מען האַלט אונז אין איין פאָרוואַרפן, אַז מיר הויבן אָן אונזער ליטעראַרישן יחוס־בריוו פון אייזיק מאיר׳דיק. פאַר אים, זאָגט מען אונז, איז בלויז געווען א תחינה, א טייטש־חומש און נאָך עפּעס א ביכעלע דאָ און דאָרט. קומט איצט אָפּאַטאָשו מיט זיין בוך און גיט אונז א באָרד פון אַלטקייט. ער גיט אונז סימני זקנה. אזוי, אַז ניט נאָר פרייען מיר זיך מיט יוגנט, נאָר מיר זיינען אויך שטאָלץ מיט עלטער. אָפּאַטאָשו טראָגט אונז אונטער א מתנה — א קינסטלערישן אוצר פון 15טן און 16טן יאָרהונדערט. ארום א חתונה צווישן צוויי רייכע משפחות מאָלט ער א מאָזאאיק פון אידיש לעבן, קינסטלערישע פערזענלאַכקייטן, מיט זייערע קאָסטיומען, אַפּעטיטן, תאוות, זייער שפּראַך, זייערע באַציאונגען און אינערלאַך־וועזן אזוי, אַז מיר קריגן א גאַנץ, אומפאַרגעסלאַך בילד פון יענער צייט. עס איז אפשר דאָס גאַנצסטע, פרישסטע בילד פון א פעריאָדע אין אונזער ליטעראַטור.

עס איז נישט קיין צופאַל, וואָס אָפּאַטאָשו האָט אויסגעקליבן דעם 15טן און 16טן יאָרהונדערט אַלס קאַנווע פאַר זיינע בילדער פון אידיש־קינסטלערישן לעבן. זיין קינסטלערישער אינסטינקט האָט אים געפירט. אין דער וועלט בכלל איז דאַן געווען א שפע פון שעפערישער ענערגיע. די הימלען זיינען וויטער געוואָרן און די ערד איז נעענטער און וואַרימער געוואָרן. מענטשן האָבן זייערע קערפערס אָנגעטאַפּט. זיי האָבן זייער בלוט דערשפירט. דער קערפער איז אויך א געזעצלאַכער יורש געוואָרן צו דער וועלט׳ס עשירות. מען האָט אָנגעהויבן זעען די וועלט ארום זיך. און אידן, כאָטש אָפיציעל און נאַציאָנאַל־פילאָזאָפיש, א פאַרגייסטיקט פאָלק, אַן עם קדוש, האָט אין דער אמת׳ן זיך נישט געקאָנט ארויסדרייען

(10)

אינגאַנצן פון אָט־דעם ערדישן שאַפונגס־שטראָם. אפילו דורך די דיקע געטאָ־ווענט האָט זיך דער שטראָם אַריינגעריסן. אין די זעק מיט לייז האָט ער זיך אַריינגעכאַפּט און געוועקט די בחורים, געצונדן זייער בלוט און גערופן צו לעבנס־פרייד, צו לעבן און שאַפן.

א חוץ דעם האָט אַפּאַטאָשו׳ן אַלעמאָל אינטערעגירט די שאַפנדע פּערזענלאַכקייט, אונטער וועלכן מאַנטל זי זאָל זיך ניט באַהאַלטן, און וואָס פאַר אַן אויסערלאַכע פאָרמען זי זאָל ניט אָננעמען. זיינע לאַנגע, פולע פּאָרטרעטן זיינען פון קינסטלער און לומדים און רביים. אים האָט אַלעמאָל פאַרכאַפּט דער למדן און קינסטלער. ער האָט זיך אַלעמאָל ליב געהאַט צו גריבלען אין דעם לעבן פון שאַפנדע פּערזענלאַכקייטן, נישט אין דעם אָנגענומענעם, טראַדיציאָנעלן וועג, נאָר אין זייער עכטן אינערלאַכן איך, און ער האָט דורך האַנדלונגען עס אַרויסגעבראַכט. מיר דוכט, אַז זיין ערשטע דערציילונג האָט געשילדערט דאָס לעבן פון לצים און ווערטלאַך־זאָגער פון זיין שטעטל. מאָרים און זיין זון פּיליפּ, ר׳ איטשע, ר׳ מענדעלי, מרדכי, די העלדן אין 1863, זיינען שאַפונגען, געמאָלן פון קינסטלער־נאַטורן. נישט קיין באַשרייבונגען פון אויסגעאיידלטע, באַשניפּסלטע, גרויסשטערנדיקע העלדן פון לומדים און קינסטלער גיט אַפּאַטאָשו, נאָר ווי די העלדן זיינען ווער אַליין מיט זיך, אַנדערשדיקע, קוואַלן פון שעפערישער ענערגיע. עס איז דערפאַר געווען נאַטירלאַך און געטריי צו זיין אייגענער קינסטלערישער פּערזענלאַכקייט פאַר אַפּאַטאָשו׳ן זיך אָוועקצולאָזן אין אַ פאַרגייסטיקטער, רוחניות׳דיקער וועלט און צייט, אַ צייט פון צרות, רדיפות און גירושים, און דאָרט זען ערדישקייט, אַפּעטיטן, קינסטלערישע ענערגיע און אַמביציעס, דער קאַמף פון עלעמענטישע כוחות, דער דראַנג צו שאַפן אַלס אייביקער כוח. פון משה רבינו ביז ר׳ מענדעלי קאָצקער, ביז לעאָן טראָצקי; די זעלבע שעפערישע ענערגיע, פון אליהו בחור, פישלען, משה קראַקער, ביז דעם איינגסטן אידישן שרייבער, דער זעלבער דראַנג פון וואָרט פאַר אויסדרוק, דער זעלבער קאַמף פאַר פאָרעם.

אַפּאַטאָשו איז דער בעסטער נאָכפאָלגער פון דער פּרץ־טראַדיציע אין אונזער ליטעראַטור. ער, ווי פּרץ, נעמט מענטשן אין וואָלענע בגדים און דערטאַפּט באַ זיי דאָס זיידענע העמדל אויפן לייב, וואָס וואַרימט און גלעט און גיט לעבן און כוח דעם מענטשן. פונקט ווי פּרץ אין זיינע חסיד׳ישע זאַכן ווייזט אונז אַפּאַטאָשו בילדער פון אידיש קינסטלערישן לעבן אין 16טן יאָרהונדערט, וואָס זיינען נאַציאָנאַל אין פאָרמע און אוניווערסאַל אין אינהאַלט. דאָ און דאָרט ווינקט צו אייך אַן אויג פון אַ באַהאַלטן ווינקל אין דער רעגענסבורגער שול, אַפיר פון די קאָלירטע שייבלאַך איבערן ארון קודש פון וואַנען אַלע תפילות גייען אין הימל אַריין ווינקט צו אייך אַן אויג און זאָגט אייך, אַז די לעגענדאַרע שאַפונגען זיינען כמעט באַ אַלע פעלקער די זעלבע. זיי האָבן דעם זעלבן צוועק — פאַרהערלאַכן דעם אייגענעם אָפּשטאַם און עבר. למשל, די מעשה וועגן ר׳ עמרמ׳ס טויט איז זייער ענלאַך צו געוויסע טיילן פון „די אידיליעם פון קעניג אַרטור" אין ענגליש. אליהו בחור׳ס באַזוך באַ דער מעצענאַטין פעסלין איז ענלאַך צו אַ היבשע צאָל מעשיות אין דער



HARVARD UNIVERSITY LIBRARY

גוי׳אישער וועלט, וועגן די וויזיטן פון מאָנאַכן און מינען־זינגער. פון דעם וואָלט מען געקאָנט ציען דעם געדאַנק ווייטער, אַז באַשרייבער זיינען אין תוך לאָקאַל, זעלטן נאַציאָנאַל, בעת שאַפער פון מיטן, לעגענדעס, העלדן, זיינען אין תוך אוניווערסאַל. אַפּאַטאָשו׳ס „אַ טאָג אין רעגענסבורג" איז אין איר קינסטלערישן עסענץ אוניווערסאַל, כאָטש אָנגעטאָן אין די קליידער פון דער אידיש־גייסטיקער וועלט און באַפּוצט מיט די צויטן פון לאָקאַלן צייטלאַכן שפּראַך קאָלאָריט.

אַפּאַטאָשו האָט מיט זיין בוך דערנענטערט די אידן פון יענער צייט, ניט נאָר געשיכטלאַך, נאָר אויך און הויפּטזעכלאַך קינסטלעריש. דער כאָר, וועלכער האָט שוין קנייטשן פון אַלטקייט ווערט כמעט אַ סימבאָל פון דער המשכ׳דיקייט פון לעבן און ריניקן זיך. דאָס אידישע געטאָ־לעבן האָט דורך אַפּאַטאָשו׳ן אַ תיקון באַקומען. עס איז ניי און פריש געוואָרן.

וואָס איז דער מאַטעריאַל וואָס אַפּאַטאָשו באַנוצט פאַר זיינע רייכע אויל־געמעלן? שלמה בעלאַסער, דער גרויסער גביר פון רעגענסבורג איז זיך משדך מיט אליהו מאַרגאָלים, אַ גביר פון ווירמיזע. די ביידע קהילות זיינען געווען צעקריגט פון כמה יאָרן און דורך דער חתונה וועט צוריק שלום איינגעשטעלט ווערן. נאַטירלאַך גרייט זיך די גאַנצע שטאָט צו דער חתונה מיט פּאָמפּ, בתופים ובמחולות. עס קומען לצנים פון פּראַג און זאַלערליי פריילאַך־מאַכער און מחברים דערוואַרטן די חתונה מיט אומגעדולד. זיי ווילן האָבן אַן אוידיענץ פאַר זייער טאַלאַנט. די ישיבה־בחורים, ווי אמת׳ע ריטער, גרייטן זיך דעם חתן אַנטקעגן פאָרן. איינער איז פּרינץ בבא, אַן אַנדערער איז יואב בן צרויה, אַ דריטער איז דוד, אַ פערטער איז פּרינץ הילדעבראַנט. די בחורים האָבן פאַרגעסן זייערע שטרויענע געלעגערס, זייערע טרוקענע מאָלצייטן. זיי האָבן פאַרגעסן זייער פאַרוואַרלאָזט לעבן. זיי האָבן פאַרגעסן זייערע ווייטע היימען, זייערע ווייבער און קינדער. ווי זאָגט אַפּאַטאָשו „וועגן ווייטע, ניט זיכערע, פול מיט סכנות־נפשות האָבן געצויגן, האָבן געלאָקט, די וועגן האָבן ניט געלאָזט איינזיצן, ווי עס האָבן ניט געלאָזט רוען די „חדושים" וואָס די בחורים האָבן צעטראָגן איבער דער וועלט, ווי עס האָבן ניט געלאָזט רוען די טריפה׳נע „ראָמאַנצן" וואָס די וואַנדער־בחורים האָבן מיטגעשלעפּט אין זייער געפּעק. אַ טרויער האָט זיך פאַרקליבן אין דעם ישיבה־בחור, אין דעם למדן, אפילו אינם רב. דער טרויער האָט זיי געטריבן פון פּוילן קיין דייטשלאַנד, פון דייטשלאַנד קיין איטאַליע, קיין פראַנקרייך, וואו מען האָט געקענט לויזער מאַכן אויף זיך די רצועות, וואָס האָבן דורות לאַנג געוויקלט און געהאַלטן דעם איינגעצערטן גוף, די בחורים האָבן גענוצט די חתונה־שמחות אַלס אַן אויסדרוק פאַר זייער קרעאַטיווער ענערגיע.

עס קומען אָן די פּראַגער לצים. אַלערליי שלעפּער און קאַליקעס קומען זיך צוזאַמען צו דער באַרימטער חתונה. טישן זיינען געגרייט כיד המלך. פריער גייט מען אין שענק זיך משמח זיין, אָנשאַרפן די מוזע. ראָזלין, די הויפּט־טענצערין און פריילאַך־מאַכערין, אונטערהאַלט דעם עולם און וועקט די פּריווילי־גירטע בלוטן. שפּעטער אויף דער חתונה איז פריילאַך און לעבעדיק. מען זאָגט

שטיקער פון בבא־בוך, פון שמואל־בוך. מ׳רעדט רכילות, מ׳טרייבט שפאַס, מ׳שמועסט וועגן ליטעראַטור און מחברים. מ׳רעדט וועגן אידישע צרות, פון לייב־צאַל, מ׳רעדט וועגן גירוש, מ׳טרייסט מיט קאָנסטאַנטינאָפּאָל און מחמר׳ן.

אויף דער חתונה זינגט מען און מ׳זאָגט פּאָעזיע. רויזלין טאַנצט. איר טאַנץ ציט זיך פון קורפירשט צו די ריטערס. דער ריטם פון איר טאַנץ ציט זיך פון דער שטאַרקסטער פרייד ביז צום דינסטן טרויער. איר טאַנץ מישט זיך צונויף מיטן איכה־ניגון, וועלכער קומט פון אַ צווייטן זאַל אויף דער חתונה.

עס איז אוממעגלאַך אפילו צו סקיצירן די חתונה ווייל ס׳איז דאָרט דאָ אַזאַ עשירות פון פּלאַסטישער מאַלעריי און אַזאַ רייכקייט פון געשפּרעכן. אַזאַ שאַרפער וויץ און הומאָר. די העלדן זיינען אַזוי סקולפּטאָריש געקנאָטן, אַז וועלכער ס׳איז איבערדערציילן וועט פאַרקלענערן דעם פּשוט׳ן סיפּור־המעשה. די חתונה, צוזאמען מיט די הכנות צו דער חופּה זיינען בילדלאַך, דוכט מיר, איינציק אין דער אידישער ליטעראַטור. די חופּה איז, דוכט מיר, אַוועקגעשטעלט ווי אַ נאַטור־דערשיינונג, ווי דער גיבראַלטאַר אויף אייביק. מיר דוכט, אַז ס׳איז ערגעץ ניטאָ אַזאַ פּלאַסטיש, פאַרבנרייך בילד פון יענער צייט, אַזאַ הייסער, לעבעדיקער אָטעם ווי אין „אַ טאָג אין רעגענסבורג". עס איז אַ סימפּאָניע פון אַלערליי, פאַרשידענע סקאַלן, וועלכע ווערן צוזאמענגעהאַלטן דורך אָפּאַטאָשו׳ס קינסטלערישער פּעדער. די בילדער און העלדן קריצן זיך איין אין אונזער זכרון ווי אונזערע חדר־יאָרן.

אין „אליהו בחור" ווייזט אָפּאַטאָשו ארויס אַ חוץ די אַלע מעלות פון קינסט־לערישער שלימות אַזאַ וויסן און קענטשאַפט מיט די ליטעראַרישע טראַדיציעס און מאַניערן פון יענער צייט, אַז ס׳איז פּשוט צו באַוואונדערן ווי ס׳נעמט זיך צו אַ קינסטלער אַזויפיל געדולד פאַר אַזאַ ערודיציע. דער אידיש־וויסנשאַפטלאַכער אינסטיטוט וואָלט אים זיכער געמעגט געבן אַ פּרעמיע פאַר זיין געלייטערטע שפּראַך־פאָרשונג. ער האָט זייער אַרבעט אַ קינסטלערישן תיקון געגעבן.

אין דעם גאַנצן בוך ווייזט אונז אָפּאַטאָשו מענטשן לעבעדיקע, זינדיקע מיט פולע קעפּ תורה און פולע מיילער נבול־פּה, צוזאמען מיט די היילקסטע מחשבות. עס קושט זיך דאָס היילקסטע מיטן אויסגעלאַסענסטן. מיר זעען קינסטלער, וועלכע קעמפן פאַר אַן אָרט אין דער געזעלשאַפט. זיי ווערן געטריבן פון אומרו. זיי ווערן געטריבן פון אַ פאַרלאַנג צו לעבן און מתקן צו זיין די וועלט. מיר זעען מענטשן גאַנצע, אָפּגערונדעטע, פולע. די שפּראַך איז פּינקטלאַך, געטאָקט, עלעגאַנט און דאָך אַזוי פול מיט בלוט. עס איז אַ גאַנצע געביידע פון וועלכע קיין איין ציגל קאָן ניט ארויסגענומען ווערן, אַז ס׳זאָל נישט שעדיקן די געביידע. יעדעס וואָרט איז נויטיק און אויפן אָרט. די שפּראַך איז צמצום מיט פאַרב־עשירות. אָפּאַטאָשו האָט גאַנצע מענטשן־קינסטלער באַשאַפן צוזאמען מיט אַן עפּאָכע. ער האָט די געטאָ אויסגעלייזט פון איר טרויער. ער האָט איר די טרערן פון די אויגן אויסגעווישט. ער האָט די טירן פון די ישיבות געעפנט און זון אַריינגעלאָזט. און דאָס איז אַן אויסערגעוויינלאַכע דערגרייכונג.



ב. י. ביאַלאָסטאָצקי

# אין ניו־יאָרקער טונעלן

איך האָב געזען מענטשן אָרימע, היימלאָזע, מיט קעפּ אויף צעמענט
מיט איינגעצויגענע אויגן און צעוואָרפענע הענט, —
צעלאָזטע, פאַרבונדענע, —
אָפּגעשונדענע.
האָב איך צו זיי געזאָגט:
— שטייט אויף און פאַרברענט!
ס׳איז אייער ערד,
און ניט קיין מאַמע איז זי, נאָר קאַלט און האַרט,
און ווי אייערע ביינער פאַרדאַרט,
שטייט אויף און צעשטערט!

האָט מען מיך אַ כאַפּ געטאָן אויף אויסגעריסענע אַקסל,
געמאַכט פאַר טריבון.
געררודער:
— ביסט אונזער ברודער,
— ביסט אונזער זון!

האָב איך אַן אָנגעצונדענער גערעדט:
— ווער אין שמאַטעס,
ווער אין לאַטעס,
פון אַלע גריבער,
שימלדיקע שטיבער,
פון אַלע שוועלן,
דורך אַלע שטאָטישע טונעלן, — —
פאַרזאַמלט זיך געדיכט,
די ראַד גייט מיט ליכט,
די מאַשין שלאָגט מיט דאַמף,
שטייט אויף צום לעצטן קאַמף!

— הוראַ, בראַוואָ, און — ביס!!

ווערטער זיינען גוט, און ליוב־געזאנג איז זיס.
נאָר, אַז עס שטייען אַרום דיר מענטשן — אַ ריס אויף אַ ריס,
און עס גלאָצן געשטאַלטן מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט,
און עס קריכן פּיס אויף שטאָטישן צעמענט,
און עס רינט דער גאַוואַר פון די מיילער — ברויט!
און אויגן זיינען קליין, און אויגן זיינען רויט, —
הויבסטו אַליין אָן איינשרומפּען, פאַרגיין,
דערזעסטו פּלוצלונג זיך אַליין
צווישן אָפּגעצוימטע ווענט.

נאַכט, לאָמפּ.
אַנטקעגן דיר דיין שאָטן, ווי אַ גלאָמפּ.
הויבסט אויף דיין אויג, גיט דער שאָטן זיך אַ בויג,
לאָזט אָפּ דעם קאָפּ, קוקט דער שאָטן אַראָפּ,
דו רעדסט — דער שטן מאַכט דיר נאָך. —
און טונקל וואַקסט אַרוים דער אַלטער יאָך,
און ניט טריבון ביסטו, נאָר איין־אַליין,
ווי אַלעמאָל, ווי אייביק, ווען נאַקעט — הויל,
ביסטו פון נאָרע־גרוב אַרוים מיט הונגער אינם מויל,
און זיך געלאָזט דורך וואַלד און שטיין,
אויף שפּור פון בלוט, אויף קריץ פון ציין, —
און נאָך דעם אַלעמען — געוויין,
און נאָך געוויין — געשריי,
און ווידער זיך געשטעלט אין ריי,
און ווידער מענטש צו מענטש באַנאַנד,
און זייט צו זייט, און האַנט צו האַנט,
און ווידער טאָג, און ווידער זון,
און דו ביסט ווידער שוין טריבון:

— שטייט אויף! פאַרזאַמלט זיך געדיכט!
עס גייט די ראָד מיט ליכט,
עס שלאָגט מאַשין מיט דאַמף,
עס נענטערט זיך דער לעצטער קאַמף!

---



י. גויכבערג

## שטילקייט

געפאַנגען פון שטאָטישן צויבער,
פאַרגאַפט פון דעם שטאָלענעם ליד —
כ'האָב שיר ניט פאַרגעסן די שיינקייט
פון רואיקן שטילן געמיט.

אין ריטמישן פּויק פון די באַנען,
איןווירבל פון פאַרב און פון קלאַנג —
כ'האָב שיר ניט פאַרגעסן דאָס לשון
פון שטילקייט, וואָס פליסט ווי געזאַנג.

און דאָ בין־השמשות באַם וואַסער
וואָס דרימלט באַם וואַלדיקן זוים,
פאַרנעם איך די שיינקייט פון שווייגן
אינאיינעם מיט פעלד און מיט בוים.

עם דרימלען די וואַלדיקע שאָטנס
אויף שוים פון פאַרשלעפּערטן טייך,
איך ליג ווי אַ שאָטן באַם וואַסער
און שוויג מיטן פעלזנשטיין גלייך.

אַלטער עסעלין

## עס בליט דער בעז

האַרט באַ מיין פענצטער בליט דער בעז,
טויאיקער דימענט שטראַלט;
איז זאָג צום באַשעפער: יצירה איז נס,
און ווייס, אַז דער נס איז אַלט.

אַלט ווי מענטש, ווי וואָרעם און ערד,
און אַטאַוויסטישער גזר;
די שיינקייט ווי אַ פאַרבלוטיקטע שווערד
גייט איבער פון חכם צום נאַר.

די שוואַלב זאָגט אָן: דער פרילינג קומט.
דער דונער ברעכט איבער דעם בוים.
עס דויערט ניט לאַנג און דער אָנזאָגער שטומט, —
בלייבט אַ באַלײדיקטער טרוים.

אין ליבע צום מענטש, און הונגער נאָך גאָט —
בליט די שנאה ווי בעז;
די ביבל ברייננט טרייסט דעם האָטענטאָט,
און מיר — דער זינלאָזער נס.

ז. ווײַנפּער

# א. לוצקי

א

א. לוצקי׳ס לידער זײַנען ווי א קאָלעקציע פון קינדער־שפּילצײַג אויף אן אויסשטעלונג פון וועלכער עס האָבן הנאה די טאַטעס און מאַמעס צוזאַמען מיט די קינדער, וואָס זיי פירן באַ די הענטלאַך.

עס איז לעבעדיק און פריילאַך.

לעבעדיק פון דער פילקאָלירטקייט און פריילאַך פון דעם לייכטן, שפּילעוודיקן הומאָר, וואָס שטראַלט ארויס פון דעם און יענעם שפּילאַכל :

אַ מענטשעלע — אַ קעסטעלע
אין קעסטעלע — צוויי שייבעלאַך
קוקן פון די שייבעלאַך —
קעצעלאַך און טייבעלאַך.

מענטשעלאַך, קעסטעלאַך, שטיבעלאַך, שייבעלאַך, קעצעלאַך און אַנדערע אַלערלייאיקע לאַכ־לאַכעלאַך צו וועלכע קינדערלאַך שמייכלען מיט זייערע אויגעלאַך, ציען די הענטעלאַך, און טאַטע־מאַמע שמייכלען און פרייען זיך.

א. לוצקי׳ס קינדער־שפּילאַכלאַך זײַנען געמאַכט פון אַלער־ליי שטאָפן און מאַטעריאַלן.

פאַראַנען שטיינערנע, הילצערנע און בלעכענע, וועלכע בעטן זיך אין די הענט אַריין כדי צו פאַרווײַלן די קינדער און זיך אַליין, ווען מען איז אַמאָל קינדיש געשטימט ; און פאַראַנען אַזעלכע באַ אים, וואָס זײַנען געמאַכט פון שאָקאָלאַדע אָדער צוקער־טייג, וועלכע עס ווילט זיך אַ נעם טאָן אין מויל אַריין און דערפילן זייער טעם.

און אויסגעשטעלט זײַנען באַ א. לוצקי׳ן די שפּילאַכלאַך אין דרויסן פאַר אַלעמענ׳ס אויגן, ווי די פרוכט באַ א גרויסן אָפענעם פרוכט־געשעפט פאַר די פאַרבייגייער.

איז דערפאַר פאַרשטענדלאַך דער ליאַרעם, וואָס א. לוצקי אַליין מאַכט וועגן זײַן קאָלעקציע.

— „נעמט עס ! ״

— „ס׳איז גוט פאַר אייך ! ״



אָט אַזוי שרייט א. לוצקי אויפן שער־בלאַט פון זײַן ערשטן בוך און כדי צו איבערצייגן, אַז עס איז באמת גוט און אַז עס לוינט זיך דאָס צו נעמען, פאַרגעסט ער נישט אונטערצושטעלן אונטער דעם גרויסן שילד נאָך אַ שילד, — אַ קלענערע אפילו, ווי די ערשטע, אָבער דערפאַר אַזעלכע, וואָס מאַכט קלאָרער דאָס, וואָס ווערט פריער געזאָגט אין די קורצע זאַצן מיט די גרויסע אותיות.

ערשטנס דערציילט דאָס קלענערע שילדל, אַז עס זײַנען אייגנטלאַך פאַראַנען פיר גאַנצע ביכער אין דעם בוך, וואָס איז כלומר׳שט בלויז נישט מער ווי איין באַנד און דאַן דערציילט ער די מעלות פון די פיר ביכער און זיי זײַנען ווי פאָלגט :

דאָס ערשטע איז „לעבעדיק און פריילאַך״ און ועמען ווילט זיך עס נישט אַביסל לעבעדיקייט און פריילאַכקייט ?

דאָס צווייטע איז „געזאַנג און טענץ״ און ווער וועט זיך עס אָפּזאָגן פון אַזעלכע גוטע צוויי זאַכן, ווי געזאַנג און טענץ ?

דאָס דריטע האָט שוין אפילו אין זיך דאָס וואָרט „אומעטיק״, אָבער דערפאַר איז פאַרן וואָרט „אומעטיק״ בפירוש אָנגעצייכנט : „אַביסעלע״, — דאָס הייסט, עס איז טאַקע אומעטיק, אָבער נישט מער, ווי בלויז „אַביסעלע״ און אביסעלע אומעטיקייט איז דאָך נאָך אַלעמען גאָרנישט אזוי שלעכט, וואָרים אַלע ווייסן דאָך, אַז אַביסעלע אומעטיקייט גיט צו דעם זיבעטן חן צום פּנים און דער מענטש קוקט אויס אַ דאַנק דעם פיל אינטערעסאַנטער און מענטשלאַכער.

און וואָס שייך צום לעצטן בוך פון די פיר ביכער אין דעם זעלבן באַנד, הייסט דאָס בפירוש : „אַלע צוזאַמען״, וואָס דאָס דאַרף מסתמא מיינען, אַז איך, דער דיכטער א. לוצקי און איר די טויזנטער לייענער מיינע וועלן זײַן „לעבעדיק און פריי־לאַך״ „באַ געזאַנג און טענץ״ און דאָס „ביסעלע אומעטיקייט״ וועט צערונען ווערן אונטער אונזערע צוזאַם־זאַמיקע טריט.

ב

אזוי איז דאָס שוין.

זאַכן, וואָס שטייען אין דרויסן, אויף די ברייטע געמאַרקן, ווערן געוויינלאַך אויסגעשריגן, כאָטש זיי זײַנען סיי־ווי שיינע און צוציענדיקע פאַרן אויג און באַ׳טעמ׳ט פאַר די נאָזלעכער.

און א. לוצקי זשאַלעוועט נישט קיין געשריי וועגן זײַן קאָלעקציע פון די ביז גאָר לעבעדיקע און פריילאַכע שפּילאַכלאַך, וואָס ער האָט אויסגעשניצט, אויסגעשאָרן און אויסגעקלעפּט פון

די פארשידנסטע שטאפן און מאטעריאלן.

ער שרייט וועגן זיי אין זיינע אייגענע ביכער, ער שרייט וועגן זיי דורך אנאנסן אין די צייטונגען, אויף פלאקאטן אין די בערג וואוהין אידענעס און אידן פארן ארויס יעדן זומער כדי צו שפילן אין קארטן און אגב אורחא ארויפציען אביסל פעטס אויף די לייבער. ער איז נישט איבערקלייבעריש אין זיינע רייד וועגן זיך און אים ארט נישט, וואס פאר א סארט עולם עס הערט אים אויס. ער איז געקומען אין אונזער דיכטונג מיט א געפעק פון שפילצייג און ער וויל זיך בשום־אופן נישט באַ־נוגענען מיט דער באוואונדערונג פון איינצלנע אויף זיין סחורה. ער וויל, אז אלע זאלן זי אומבאדינגט באוואונדערן און זי נעמען און טאקע אגב־אורחא נישט פארגעסן צו באצאלן פאר איר אויך.

קיינער פון די אידישע דיכטער שפאנט נישט אזוי אין זיינע באוואונדערער, אז זיי זאלן זינגען און אויסשרייען אין כארן וועגן זיין גרויסקייט, ווי עס טוט א. לוצקי.

קיין איין גוט ווארט, וואס דער אדער יענער פלאמבירטער שריפטשטעלער האט ווען סע נישט איז געשריבן וועגן א. לוצקי'ן, גייט נישט פארלארן.

א. לוצקי גיט שוין אכטונג, אז אט־דאס געזאגטע ווארט זאל זיך איבער'חזר'ן און איבער'חזר'ן כדי עס זאל זיך אריינ־פרעסן בא יעדערן אין זכרון.

בעל מחשבות האט פאר זיין טויט אין איינעם פון זיינע בריוו קיין אמעריקע געשריבן, אז מען זאל לאזן גריסן דעם וואונדערבארן נייעם פאעט א. לוצקי'ן, האט זיך בעל מחשבות ממש געקויפט אומשטערבלאכקייט מיט אט־דעם גרוס.

א. לוצקי זעט שוין, אז בעל מחשבות'עס אומשטערבלאכקייט זאל זיין געזיכערט. ספעציעל זעט ער, אז דער גרוס, וואס איז צו אים געשיקט געווארן זאל קיינמאל נישט ארונטער פון דער עפנטלאכקייט. ערשטנס, איז דער גרוס איבערגעדרוקט טאקע אינם אייגענעם בוך און דערביי א ספעציעלע באמערקונג וועגן דעם, אז דער בריוו איז געווען געדרוקט אין אלע אידישע צייי־טונגען 1921 ניו־יארק. צווייטנס, איז ער איבערגעדרוקט געווארן אין פארשידענע אנאנסן, וואס לוצקי אליין, אדער לוצקי'ס נאענטע פריינט האבן אריינגעגעבן אין די צייטונגען וועגן א. לוצקי'ס ביכער, אדער וועגן א. לוצקי'ס רעציטירונגען פון א. לוצקי'ס ווערק. דריטנס, ווייסט עס יעדער איינער, וואס האט בא לוצקי'ן א בוך געקויפט און וועלכער איד פון ניו־יארק ביז וויניפעג און



סאן־פראנציסקא האט עס בא א. לוצקי'ן נישט געקויפט קיין בוך?

אפטמאל טראכט איך, אז בעל־מחשבות אין זיין קבר איז מסתמא זייער דאנקבאר א. לוצקי'ן ווארום די טויזנטער לייענער, וועלכע האבן אמאל געלייענט בעל מחשבות'ן און שוין אפשר פארגעסן וואס זיי האבן געלייענט, גערדיינקען אבער אויסגעצייכנט דער נאמען: „בעל מחשבות" א דאנק דעם גרוס, וואס ער האט געשיקט א. לוצקי'ן.

ווער עס איז מיט מיר
איז איבער מיר.
ווער עס איז קעגן מיר
איז אונטער מיר.

אט אזוי האט א. לוצקי ליב צו זאגן און איבערצו'חזר'ן אין דער געזעלשאפט פון חברים־שריפטשטעלער און מיט אט־דעם זאג איז ער נישט אויסן זיך א שפיל צו טאן מיט ווערטער, ווי ער טוט דאס אזוי געלונגען און גראציעז אין א סך פון זיינע לידער, נאר מיט אט־דעם זאג האט ער די בפירוש'ע כונה צו געבן א קלארע ווארנונג צו אלעמען, אז ווער עס וועט וואגן זיין קעגן אים, וועט זיין אונטער אים.

העי, חברים שריפטשטעלער איבער אלע קאנטינענטן פון דער ערד, זייט פארזיכטיק צו זיין קעגן א. לוצקי'ן, ווארום ער וועט אייך אוועקשטעלן אונטער זיך!

ג

און נישט נאר איז בעל־מחשבות'עס אומשטערבלאכקייט געזיכערט, א דאנק דעם גרוס, וואס ער האט געשיקט פארן טויט צו א. לוצקי'ן, נאר א ריי אנדערע לעבעדיקע שריפטשטעלער האבן זיך שוין באזארגט מיט אייביקייט א דאנק זייער גרויסן ענטוזיאזם פאר א. לוצקי'ן.

נעמט צום ביישפיל וויליאם נאטאנזאנ'ען.

יארן לאנג, אז דער חשוב'ער וויליאם נאטאנזאן, וועלכער לעבט אין שיקאגא, שרייבט ערנסטע ביכער און דאך איז זיין פאפולאריטעט א צייט לאנג נישט דערגאנגען ווייטער, ווי בלויז צו דער אידישיסטישער אינטעליגענץ.

א צייט לאנג, נישט איצטער!
וואס איז געשען פרעגט איר?
גאנץ פשוט.

וויליאם נאטאנזאן האט אויפגעשריבן א בוך פון ארום פיר הונדערט זייטן, וואס רופט זיך: „די פילאזאפיע פון א. לוצקי'ס פאעזיע".

אמת, דאָס בוך איז נאָך ניט דערשינען, אָבער דערפאַר איז דאָס שוין אַנאָנסירט מיט גרויסע אותיות אויף איינעם פון די לעצטע זייטלאָך אין א. לוצקי'ס ניי בוך „בראשית אינמיטן" און זאָל נאָר זיך אַ ווייז טאָן אַביסל אַ בעסערע צייט אין אונזער מדינה און לוצקי זאָל זיך קאָנען אַ לאָז טאָן איבער איר מיט זיין צווייט בוך, ווי ער האָט עס געטאָן מיט דעם ערשטן, טאַ זייט זיכער, אַז דער נאָמען „וויליאַם נאַטאַנזאָן" וועט שוין שוועבן איבער טויזנטער ליפּן פון אידן און אידענעס.

און זאָל קיינער נישט פּרואוון מיר אַריינצוטייטשן, אַז איך אינסינואיר חלילה אויף עפּעס.

איך ליג צו בײדע הענט צו מיין הארצן און שווער פאַר דער ערנסטקייט און הערלאַכקייט פון וויליאַם נאַטאַנזאָנ'ען, אָבער, אַז צו זיין אַ באַוואונדערער פון א. לוצקי'ן מיינט פּאָפּולאַריטעט פאַר זיך, איז אַ פאַקט, וואָס קיינער וועט נישט וואגן אָפּצולייקענען.

א. לוצקי ווייסט עס און ער זעט שוין, אַז אַלע איבעריקע זאָלן דאָס טאַקע אויך וויסן.

ער טוט דאָס מיט אַ מאַניער פון אַ גרויסן בעל־רחמים, וואָס קאָן נישט צוזען, אַז דער אָדער יענער קריטיקער, וואָס איז באַוואוסט און באַליבט, זאָל קאַליע מאַכן די אייגענע רעפּוטאַציע דערמיט, וואָס ער וועט חלילה זיך אַרויסכאַפּן מיט אַ שלעכט וואָרט וועגן א. לוצקי'ן.

דערפאַר איז ער זייער שטאַרק באַזאָרגט יעדעס מאָל, ווען עס דערגרייכט צו זיין אויער, אַז עמיצער קלייבט זיך אויפצושרייבן נישט קיין איבעריק באַגייסטערטן אַרטיקל וועגן אים.

— אַ רחמנות — זאָגט א. לוצקי און זיין שאַרף־געליניעט פּנים ווערט נאָך געליניעטער פון צער אויף יענעם מענטשן, וואָס גייט נעבעך זיך איבערשניידן דעם האַלדז אָן אַ מעסער.

ד

צווישן די אינגערע דיכטער אין אַמעריקע איז א. לוצקי דער פּאָפּולערסטער.

און נישט קיין חידוש.

ער האָט אַלץ, וואָס מוז ברײנגען פּאָפּולאַריטעט.

זיינע לידער האָבן איז זיך קלינגענדיקייט, קלאָרקייט און צו דער זעלבער צייט האָבן זיי אין זיך עפּעס אַזוינס, וואָס לאָזט זיך טייטשן. האָבן די פּשוט'ע מענטשן הנאה כון דער קלינגענדיקייט, פון דער קלאָרקייט, און די חקרנים האָבן הנאה פון דעם, וואָס זיי אַליין קאָנען אין לוצקי'ס לידער אַריינטייטשן וואָס זיי ווילן.



מען קאָן א. לוצקי'ס לידער לייענען בלחש פאַר זיך און מען קאָן זיי פאָרלייענען פאַר געסט אין שטוב און דערביי אַרויסווייזן דעם אייגענעם טאַלאַנט, ווי אַ פאָרלייענער. האָט טאַקע קיינער פון די אידישע דיכטער נישט אַזויפיל פאָרלייענער פון זייערע ווערק ווי עס האָט א. לוצקי. מען באַנוצט זיך מיט זיינע זאַכן אויף קליינע, אינטימע באַנקעטלאַך און אויף די ראַדיאָ־פּראָגראַמען צו וועלכע עס הערן זיך צו הונדערטער טויזנטער אידן. יונגעלייט און מיידלאַך, וועלכע חלומ'ען צו ווערן אידישע שוישפּילער הויבן אָן מיט רעציטאַציעס פון לוצקי'ס לידער, און שוישפּילער מיט נעמען באַנוצן זיך מיט זיי אויף זייערע קאָנצערטן, אָבער דער פאָרלייענער איבער אַלע פאָרלייענער פון א. לוצקי'ס זאַכן איז א. לוצקי אַליין.

אויסער טאַלאַנטפולער דיכטער איז ער אויך טאַלאַנטפולער רעציטאַטאָר פון זיינע אייגענע ווערק. דאָס לעצטע האָט מעגלאַך געמאַכט פאַר אים דורכצורייזן אַמעריקע און קאַנאַדע פון ברעג צו ברעג, אויפצוטרעטן אויף בינעס און פּלאַטפאָרמעס פאַר אַלע קלאַסן פון דער אידישער געזעלשאַפט און דערביי פאַרקויפן פיר טויזנט ביכער פון זיין ערשטן באַנד, וואָס דאָס איז אַ קאָלאָסאַלע צאָל פאַר אַ בוך לידער פון אַ אידישן דיכטער.

וועגן זיינע מעטאָדן צו פאַרקויפן זיינע ביכער קאָן מען צונויפקלייבן אַ גאַנצע באַנד מיט וויצן און אַנעקדאָטן.

אַנדערע זיינען גאַליק און ביטער קעגן אים, — מען האָט פאַראיבל און טענות, אַז מיט זיינע מעטאָדן האָט ער אַריינגעבראַכט אַ מאַרק־שרייעדיקייט, אָבער א. לוצקי הערט אויס אָט־די טענות קעגן זיך מיט פאַרוואונדערונג אין זיינע טונקל־גרויע אויגן.

עס איז אַ פאַרוואונדערונג, וואָס לאָזט זיך טייטשן, ווי עס לאָזן זיך טייטשן זיינע לידער. אָט דאַכט זיך אייך אויס, אַז דאָס קוקט אויף אייך אַ נאַאיווער, אומשולדיקער מענטש, וואָס הויבט נישט אָן צו פאַרשטיין הלמאי מען האָט צו אים טענות.

איר האָט דעם איינדרוק, אַז לוצקי טראַכט וועגן די טענות. וואָס מען האָט צו אים אומגעפער אַזוי:

— וואָס וויל מען פון מיר, האַ? איך רייד איין, אַז מען זאָל קויפן מיינס אַ בוך. נו, איז וואָס? וואָס איז די עולה, אַז איך דערצייל דערביי, אַז איך, לוצקי, בין אַ גרויסער דיכטער? וואָס־זשע, עס איז דען אַ ליגן? טאָר איך נישט דערציילן,

אז מיך האָט זייער שטאַרק געליובט בעל־מחשבות? טאָר איך נישט באַווייזן פאַר יעדן איינעם, אַז אַזעלכע שריפטשטעלער ווי אברהם רייזען, וויליאַם נאַטאַנזאָן, חיים ליבערמאַן, דער לעבעדיקער, גראָבאַרד און אַנדערע שרייבן אויף מיר, אַז איך בין אַ חוץ אַ גרויסער דיכטער, אויך אַ פילאָזאָף?

אָט אזוי האַכט זיך אייך אוים טראַכט א. לוצקי און טראַכט דאָס נאַאיוו, ריין און אומשולדיק. אָבער דער איינדרוק האַלט נישט אָן צו לאַנג באַ אייך, וואָרים פלוצלונג דערזעט איר אים אין אַ גאַנץ אַנדער ליכט און עס ווערט קלאָר פאַר אייך, אַז דאָ איז געקומען דער שוישפּילער אין אים און העלפט דעם סוחר, וואָס שפּילט דעם נאַאיוון דיכטער, כדי זיך אָפּצושאָקלען פון די טענות, וואָס מען האָט צו אים.

ה

אַ זייער טשיקאַווע כאַראַקטער איז א. לוצקי.

אַן אמת'ער פּאָעט, אַ טאַלאַנטפולער שוישפּילער און ער האָט אין דער זעלבער צייט אין זיך אַלע תנואות פון אַ דורכגעטריבענעם סוחר, וואָס ווייסט ווי אזוי אַרויפצוצווינגען זיין סחורה אויף די קונים.

איך קאָן אים נאָך פון יענע יאָרן איידער אב. קאַהאַן האָט געביטן זיין נאָמען פון אהרן צוקער אויף א. לוצקי. דעמאָלט האָט ער פאַרדינט זיין חיונה פון פאַרקויפן שפּייז־פּראָדוקטן צו די קליינע אידישע שפּייז־קרעמער אין ניו־יאָרק. איך בין איינמאָל מיטגעגאַנגען מיט אים צו אַ צאָל פון זיינע דעמאָלטיקע שפּייז־קרעמלאַך און געוואַלדיק נתפּעל געוואָרן פון די קונציקע מעטאָדן, ווי אזוי ער האָט געמאַכט די קונים זיינע אים צו געבן באַשטעלונגען.

פון יענער צייט ביז איצט זיינען אַריבער אַ היבשע צאָל יאָרן. דער סוחר אין אים האָט זיך גאָרנישט געביטן פונקט ווי עס האָט זיך כמעט נישט געביטן זיין אויסזען און זיינע מאַניערן. דאָס זעלבע מאַט־הויטיק און געליניעט פּנים, די זעלבע דינע און דראַמאַטיקע פיגור, דער זעלבער אופן פון פאַרקעמען די קורץ־געשוירענע טונקל־ברוינלאַכע האָר גלאַט אַרונטער און דער זעלבער בליק, וואָס נעמט דיך אַדורך, כאָטש עס גליננט אים אזוי קונציק אייך אָפּצונאַרן מיט אַן אַרויפגעצויגענער נאַאיווקייט איבער זיינע אויגן.

נישט מער, דעמאָלט האָט ער געהייסן אהרן צוקער און איצט א. לוצקי. דעמאָלט האָט ער פאַרקויפט שפּייז צו קרעמער און



היינט פאַרקויפט ער אָפּטמאָל צו די זעלבע קרעמער זיינס אַ בוך. אָבער וואָס עס האָט זיך אינגאַנצן און ממש דורכאויס אין אים איבערגעביטן איז דער דיכטער אין אים.

וואָס פאַר אַ שפּרונג עס איז פון אהרן צוקער'ן, וועלכער האָט געדרוקט פערזן אין „טאַגעבלאַט" און אין „פאָרווערטס" ביז דעם היינטיקן פּאָעט א. לוצקי'ן.

א לוצקי האָט נישט נאָר באַוויזן אין לויף פון די פופצן אָדער זעכצן יאָר אַריינצושטעלן אין דער גאַלעריע פון די פיינע אידישע דיכטער אויך זיין פּנים, נאָר ער איז אויך געוואָרן באַ אונז דער אַנטדעקער פון לעבן אין דער טויטער וועלט.

זיינע לידער פון דער „טויטער וועלט" דאַרפן אָוועקגעשטעלט ווערן צווישן די בעסטע דערגרייכונגען פון דער אידישער דיכטונג.

אויב אין זיינע גרעסערע פּאָעמען: „דעם רבינ'ס תורה", „אַ חתונה אין שטעטל" און אַנדערע האָט ער אונז געגעבן אַ קאָמבינאַציע פון נייער פאָרם און עכטן געמיט, האָט ער מיט זיינע לידער פון דער טויטער וועלט פאַר אונז אויפגעהויבן אַ פאָרהאַנג פאַר נייע וויזיעס.

מיט דער פילאָזאָפיע פון זיין „בראשית אינמיטן", וואָס דאָס איז זיין צווייטע בוך האָט ער מיך נישט גענומען, אָבער אַנטוישט האָט ער מיך נישט.

איך האַלט, אַז א. לוצקי האָט אין זיין רייסן זיך צו נייע הויכקייטן אַריינגעבלאָנדזשעט אין אַ פרעמדן וועג, און דאָס מיינט כלל נישט, אַז איך שטיי מיט גרעסערן דרך־ארץ פאַר דער פילאָזאָפיע, ווי פאַר דער פּאָעזיע, — נישט מער זיי זיינען צוויי באַזונדערע געביטן, וועלכע קומען זיך צוזאַמען באַ איין־און־דעמזעלביקן מענטשן אין זייער זעלטענע פאַלן און אפילו דעמאָלט פּלאָנטערן זיי זיך מער איינס אין דעם אַנדערן איידער זיי דערגאַנצן זיך.

באַ א. לוצקי'ן איז מיר געננוג זיין עכטע און אָריגינעלע פּאָעזיע און וואָס שייך פילאָזאָפיע, וועל איך זוכן באַ עמיצן אַנדערש, ווען איך וועל זיך פאַרביינקען נאָך איר.

אויך אין לוצקי'ס צווייטן בוך „בראשית־אינמיטן", איז פאַראַנען דער גראַציעזער און פלינקער ראַקעטנוואַרפער, ווי ער איז פאַראַנען אינם ערשטן. „נעמט עס, ס'איז גוט פאַר אייך" נישט מער עס זיינען פאַראַנען אַזעלכע הויכקייטן צו וועלכע אפילו דער בעסטער ראַקעטנוואַרפער קאָן נישט דערגרייכן.

און א. לוצקי איז מיט אַלע זיינע שוואַכקייטן אַ גלענצענדער פּאָעט.

מארק שוויד

„דייטשלאַנד'ס טראַגעדיע איז וואָס לוטהער איז געווען לויזיקע צען אָדער צוואַנציק יאָר א פריינט פון אידן" — היטלער.

## היטלער

דער מענטשן־מין איז אייביק ריין און ציכטיק,
אין א פּאַלאַץ צי אין אַן אָרים הויז.
די פינצטערסטע נשמה קען זיין ליכטיק,
דאָס ווייסן קינד און קייט חוץ איינעם —
היטלער אַזאַ מין לויז.

ער טראָגט די גאַל אין זיינע טשירישע באַקן,
ווי ס'טראָגט אַ קאַץ אין מויל אַ טויטע מויז,
ווי קרוכלע פערדפאַל רויכט זיין קרייץ פון האַקן,
דאָס ווייסן קינד און קייט חוץ איינעם —
היטלער אַזאַ מין לויז.

ווי האַקנקרייצן שטאַרן טעמפּע אויגן,
באַם קליינעם קאַנצלער סמאַרק פון ברוינעם הויז.
דאָס ווייב פון גרינעם האַס האָט אים געזויגן,
דאָס ווייסן קינד און קייט חוץ איינעם —
היטלער אַזאַ מין לויז.

פאַר וועלכן גאָט דאַרף איצט די וועלט־מאַרטירער?
געוויס נישט פאַר דעם אַלטן טוכלען יויז!
פאַר וועמען־זשע איז ער, דער ליץ, דער פירער?
ווען מענטש און גאָט וויל רו, חוץ איינעם —
היטלער אַזאַ מין לויז.

עס קוקן אויסגעהונגערטע מיליאָנען,
און וואַרטן ער זאָל אויסשפּילן די טויז.
דערווייל צעפּלאַטערט ער פון האַס די פאָנען,
וואָס ווייען יעדן — סם, חוץ איינעם —
היטלער, אַזאַ מין לויז.

וואו זיינען יענע אַלטע דעמאַגאָגן
פון דער טריבונע, פון דער קירך, פון קלויז,
מיט דער פאַרפירערשאַפט אויף אַלע ראָגן?
געקעפּט זיי אַלעמען, חוץ איינעם —
היטלער אַזאַ מין לויז.



שטיי אויף פון דיין מאַטראַצן־קבר, היינע!
דיין וואונדיק לירע־האַרץ אויפסניי אַנטבלויז.
צי ווייסטו, אַז די ברידער דיינע, מיינע —
זיי ליבן שוין די וועלט, חוץ איינעם?
היטלער, אַזאַ מין לויז.

אויך בערנע, דו וואַך אויף און שאַרף דיין מעסער.
ווי קליין דיין חוזק־שפּיל פון דייטש פראַנצויז!
פאַרגעס דיין מענצלען, דעם פראַנצויזנפרעסער,
נישטאָ קיין שונאים מער, חוץ איינעם —
היטלער, אַזאַ מין לויז.

איך צי מיין בלאַנקע שווערד אין טיפן טרויער,
און רייס אויס פון מיין ליד די לעצטע רויז.
דאָ וואוינט דער האַר פון האַס. איך שטיי באַם טויער.
לאָז קיינעם נישט אַריין, חוץ איינעם —
היטלער אַזאַ מין לויז.

איך האָב נישט קיין דערלייזונג אייך צו ברייגנען,
איך בין מיט אייך אין ברענענדיקן הויז,
נאָר ס'ברענט אין מיר אַ האָפענונג ער וועט הייגנען
אויף אַ לאַמטערן אין בערלין, ער איינער —
היטלער, אַזאַ מין לויז.

מ. ווינאָגראַד

## "DOLCE FAR NIENTE"

די בלויקייט פון דער בלויער שעה ווערט טיפער אַלץ און טיפער,
אַ זיסע מידיקייט פאַרשלעפּערט מיין געמיט;
די גלייכע ליניע פון געדאַנק ווערט בויגיקער און שיפער
און פונקטלאָז ווי אַן אולטראַ־מאָדערניסטיש ליד...

אַ ליריש־נאָגנדיקע דיסהאַרמאָנישע האַרמאָניע
פון צאַרטע זעאונגען, פאַרוואָרטע און פאַרווירט,
פאַרוויגט מיך ווי אַ שטילער לייט־מאָטיוו פון אַ סימפּאָניע,
מיט רונדע טרעלן־טענער נעבלהאַפט באַצירט...

איך זיץ געשמידט און פיל ווי איך וואָלט זינקען אין דער נידער,
און זינקענדיק אַזוי גייט אויף אין מיר אַ פרייד —

א דרעמלענדער געגום צעוואַרימט זיך אין מיינע גלידער,
און גוט איז מיר אזוי, אן אורזאך, אן באשייד...

באשיידלאז שווינדן אויף די ווערטער פון דעם בוך לעגענדן
וואס ליגט פאר מיר אן אויפגעמאכטער אויפן טיש;
און בלענדנדיק ווי שטערן, דורך א לייכטן וואלקן, בלענדן
און מישן זיך זכרונות — הימלישער געמיש...

א טאל פון שווינדלענדיקע בילדער, אותיות און ציפער,
אן אייביקייט פון רעיון און גערעדטע רייד,
פארשלינגט מיך און איך זינק אלץ טיפער און אלץ טיפער —
די בלויע שעה פארטונקלט און פארגייט...

אליעזר גרינבערג

## שטאט-לאנדשאפט

פאבריקן קוימענס קריצן מיט רויך-געשריפט
אויף שטאלענעם הימל —
אן אפרו ליד. אן אייזערן געבעט.

דער אוונט נידערט שטיל, געהייניספול און טריפט —
מיט פייער, פייער, פייער!

עס לויכטן אויף לאמטערנס.
שילדן צינדן זיך.
יעדע שויב צעבליט זיך העל ווי א ראקעט.

די שטאט איז איצט א פלאקערדיקער שייער
וואס צערט און ווערט פארצערט פון אייגן פייער.

די רייען מויערן —
מיט קעפ פאריסענע צו רוימען
זעען אויס אצינד, ווי שטיינערנע אדלערס,
וואס גרייטן זיך צום פליען.

פון ווייטנס הערט זיך —
דאס שווערע סאפן פון א הודזשענדיקער באן.

און איבערן הימל'ס שמאלע, שפארעוודיק-צעפאסטע זוימען —
גליטשט זיך ווי א ריזיקער גליוואַרים,
— א באלויכטענער עראפלאן.



ב. י. ביאלאסטאצקי

## באמערקונגען וועגן ביכער

### דוד איגנאטאוו

דוד איגנאטאוו'ס „אויף ווייטע וועגן" — א בוך אין דריי טיילן — איז פאר מיר, ווי איך זע עס, א קולמינאציע פון אלע איגנאטאווושע מאטיוון וואס זיינען אונז נאך פון פריער באקאנט. ס'איז א סך־הכל פון די מאטיוון וואס ער האט נאך באריט אין „פיבי", אין „קעסל־גרוב", אין „גבור" (דערנאך: יפתח'ס טאכטער"), אין זיינע אלט־אידישע פראגער מעשיות, אין „גאלדענעם אינגעלע" און אין זיינע אנדערע זאכן.

ס'איז ניט אזוי טרילאגיע, ווי א סך־הכל.

איגנאטאוו'ס וועגן, איגנאטאוו'ס לענדער:

איינס, „דאס לאנד פון ריינקייט". ריינקייט פון מענטשלאכע האנדלונגען, מענטשלאך לעבן, און איבער אלץ — ריינקייט פון געשלעכט, לייטערונג פון לייב. און אט פארוואס איגנאטאוו זעט אזויפיל בלויקייט, בלויקייט און ווייסקייט, ווייסקייט פון שניי. מענטש־געשטאלט אין שניי־אויסגעלינעוועט. מענטש־געשטאלט אין אומבארירטער ווייסקייט.

צוויי. „אין לאנד פון שיינקייט". קונסט. אלץ באווייזט זיך אין געשטאלטן. יעדע געשטאלט לייכט מיט איר אייגן ליכט. דאס ליכט פירט דעם מענטשן דורך הארמאניע, דורך ליניען, דורך זעאונגען, דורך פארבן, אויסגעפורעמטן לייב, דורך געזאנגען, דורך הארמאניע אידלט זיך דער מענטש, זעט דער מענטש, לייטערן זיך די מענטשלאכע חושים.

דריי. „דאס לאנד פון שבת". שבת — ווי א סימבאל. סינטעז פון עטישע ווערטן. „ווייטע וועגן", וואס זוכן זיך אריינצורייסן אין די נייע וועגן. אידישע ווערטן געבונדן מיט אלגעמיינע, מיט וועלטלאכע. מען קען ניט אוועק פון דורות. ס'איז אלץ אזוי קלאר און דאך — מיסטעריע!

דאס זיינען איגנאטאוו'ס לענדער, וואו זיין אמאליקער „בערל פראגער" און זיין איצטיקער „בערמאן" (פון זיינע „אויף ווייטע וועגן"), וואנדערן, בעסער: וואנדרעווען, וואו זיי פליען, שוועבן און חלומ'ען.

גערטרוד — סימבאל פון ריינקייט פון געשלעכט.

בערמאן — סינטעז פון איד און מענטש.

און דאס גאנצע בוך — איבערהויפט דאס דריטע — רוף צו געשטאלטונג, צו געשטאלט, צו קונסט.

איגנאטאוו'ס ווערק האט מיך זייער פאראינטערעסירט, כאטש איך ווייס, אז ער האט צופיל אויסגעשריבן, צופיל אונטערגעשטראכן, און אפשר וואלט ער אנשטאט דריי ביכער בלויז צוויי געדארפט אנשרייבן.

די אומגעבונג איז אַ פּאַסיקע. איגנאַטאָוו האָט גענומען אַ גרופּע מענטשן
באַ וועמען די פּראַגע פון מענטש, איד, געשלעכט, גאולה פון דער וועלט — פרייהייט,
איז אַלץ צוזאַמענגעמישט געווען. די אומגעבונג בלייבט דאָך מער הינטערגרונט
פאַר זיין בילד ווי פאָדערגרונט. ס'איז דעריבער ניט וויכטיק צי ער איז גערעכט
היסטאָריש וועגן דער „עם־עולם גרופּע". ס'איז ניט קיין היסטאָריש ווערק.

ס'איז אַ ווערק מער פון פּראָבלעמס, ווי פון פּאַסירונג, כאָטש עס זיינען דאָ אין
די דריי ביכער אַ סך פּאַסירונגען. און דאָך זיינען אין די „וויַיטע וועגן"
פאַראַן אַ סך פּנימ'ער און בולטע פּנימ'ער. אין בוך זיינען דאָ אידיש־אַמעריקאַ־
נישע ווינקלען.

איגנאַטאָוו באַרירט אַנטשטייאונג פון אידישע פאַך־פאַראיינען, יוניאָנס, גרינ־
דונג פון סאָציאַליסטישע קרייזלאַך דאָ אין אַמעריקע, און נאָך. אָבער אַלץ און אַלע
ווערן דורך זיין האַנט געבראַכט צו זיינע אַלט־נייע „וויַיטע וועגן" — צו די „דריי
לענדער", ווי איך רוף עס, וואו איגנאַטאָוו אַליין גייט נאָך אַלץ אַרום און זוכט
אַן אויסוועג פאַרן מענטש (און פאַר זיך !).

פאַראַן אין בוך זייער פיינע סצענעס. די ליבע־סצענע אין צווייטן בוך,
אויף זייט 210 (און וויַיטער) איז פון די גאָר ווייניקע ליבע־געזאַנגען אין אונזער
ליטעראַטור. פאַראַן נאָך פיינע בלעטער, אינטערעסאַנטע קאַפּיטלאַך.

אין דריטן בוך, דוכט מיר, זיינען דאָ צופיל עסייען. עסייען וועגן דעם מהות
פון קונסט, באַשרייבונג פון לאַנד „פון שיינקייט" און „לאַנד פון שבת". אינטע־
רעסאַנטע געדאַנקען. אָבער זיי גייען שוין אַרויס פון בוך־ראַם און ווערן — עסיי.
אמת, אויך טאָמאַס מאַנן שרייבט עסייען אין אַ סך פון זיינע ראָמאַנען, און אַש
האָט אַ סך עסייען אין זיין טרילאָגיע, און אפילו אויך טאָלסטאָי האָט אין
זיין „קריג און פרידן" ניט ווייניק עסייען, — אָבער, דאָך האָט זיך מיר
געדוכט, אַז איגנאַטאָוו איז שוין צופיל עסייאיסט אין דריטן בוך.

ס'איז אָבער אַן אינטערעסאַנט ווערק.

און אינטערעסאַנט איז עס מיר כאָטש איך אַליין, זאָל דאָס מיר דערלויבט
זיין צו זאָגן — קעמף ניט איגנאַטאָוו'ס קאַמף, ווי ער קעמפט אים.

מיר דוכט איגנאַטאָוו איז צופיל פאַר'עקשנ'ט אין זיין קינסטלערישער וויזיע.
מאָטיוו. מיר וואָלט זיך זייער וועלן אָנשטאָט „וויַיטע וועגן" — גיין אויף נאָענטע.
איגנאַטאָוו'ן ציט צופיל צו „וויַיטע וועגן". איך ווייס ניט צי איגנאַטאָוו'ס
קאַמף קען ווען עס איז געוואונען ווערן. נאָכמער, מיר האָט זיך געדוכט, אַז
איגנאַטאָוו איז אַליין ניט זיכער באַ זיך וואָס ס'איז בעסער: צי דער זאָג פון
בית שמאי, (לויטן תלמוד) „זינג פאַר דער כלה ריין און אומבאַפלעקט", אָדער
דער זאָג פון הלל'ן: „זינג פאַר דער כלה ווי זי איז".

מיר דוכט, אַז מען וועט מוזן קומען צום לעצטן. אָננעמען און זינגען פאַר
דער „כלה" „ווי זי איז" און ניט וואַרטן דווקא אויף דער אומבאַפלעקטקייט פון
דער „כלה", וואָס פאַר אַ סימבאָל דאָס זאָל מיט זיך ניט פאָרשטעלן.

אָבער איגנאַטאָוו איז פאַר'עקשנ'ט שוין 20 יאָר אַזוי. און אָט אַזוי וויל



ער אין זיין עקשנות צונויפפירן אומגלייכע פאָרן... ער וויל, צום ביישפּיל, אפשר פאָלגן בית־שמאי'ן און דאָך האָט ער רחמנות אויף די אַלע „פרייע" זינאַס און פאַר זיי — האָט ער בית־הלל'ן... ער וויל ערשטיק לייטערן, דערהויבן מענטש און ליב צו רעליגיע, און דאָך איז ער אַזוי היפּש געצנדינעריש ווען ער נעמט זיך באַ־ שרייבן גערטרוד'ס ליב. אַ פינטעלע לאָזט ער ניט דורך! און דערצו — אַלץ ריידנדיק וועגן איגנאַטאָוו'ס אידייען, ווי איך זע זיי, — טרייבט ער איבער דעם ווערט פון קונסט, דעם כוח פון קונסט אויף דער פאָרמירונג און איבערפאָרמירונג פון מענטש! מיר דוכט, אָט פונקט ווי דער אַמאָליקער ביבלישער גאָט, אַזוי שאַפט מענטש קונסט „בצלמו" — נאָך זיין אייגענעם צלם, לויט זיך, לויט זיין אייגענעם פּנים, און ניט, אַז קונסט זאָל שאַפן דעם מענטשן...

איגנאַטאָוו איז פאַר'עקשנ'ט. פונקט ווי זיין „בערמאַן" איז פאַר'עקשנ'ט. ס'איז אַ פיינע עקשנות, ס'איז די עקשנות פון „הייליקן נאַר". אָבערמיר דוכט — פאַרדאָן — אַז עס דאַרף שוין זיין קלאָר אין אונזערע טעג, אַז מען מעג אין קונסט זיין ווייניקער „הייליק" און אויך ווייניקער „נאַר" („נאַר" אין דעם בעסערן זין). און ניט נאָר אין „אונזערע" טעג: אַלעמאָל האָט אין דער ליטעראַטור זיך מער דערנענטערט צו אמת'דיקייט פון מענטש אין לעבן דער „הייליקער ציניקער", ווי דער „הייליקער נאַר".

אָבער „איגנאַטאָוו־בערל־בערמאַן" בלייבן פאַר'עקשנ'ט.

## י. אָפּאַטאָשו

י. אָפּאַטאָשו'ס „אַ טאָג אין רעגענסבורג" איז אַן אינטערעסאַנטס בוך. ס'איז געבויט אויף אַ היסטאָרישן הינטערגרונט, אָבער ס'איז ניט קיין היסטאָריע. ס'איז היינטיק, נאָענט. אַ פיינע חברה די פּראַגער לצים! בעטלער, אָרימעלייט, — אָבער זיי זיינען גאָרניט גערעאָטן אין מענדעלע'ס בעטלער פון דעם טיפּ „פישקע דער קרומער", און זיינען — אין זייער פריילאַכקייט, אויך ניט ענלאַך צו אַש'עס קאַטאַרינשטשיקעס (פון „מאָטקע גנב"). ס'איז פון אָפּאַטאָשו'ס בעסטע ליטע־ ראַרישע אַרבעטן. לצים, וואָס זיינען פאַרוואָרצלט אין לעבן, אָרימעלייט מיט אַ סך לעבנס־וואַרימקייט. און ניט געפאַלן זיינען זיי, נאָר פאַרקערט, שטאָלץ, האָפער־ דיק באַ זיך. און די טענצערין „רויזלין", וואָס אויבנאויף דערמאָנט זי אָן אַש'ס „מארי", איז דאָך אַן אַנדערע — זי איז רויזלין, און ניט מארי. און ס'דאַכט זיך: נאָך אַלע טענץ איז זי „אַן ערלאַך" מיידל, אַ אידישע מיידל, אַלץ פון פּראַג. און די עראָטיק איז אַ פיינע, אַ מענטשלאַכע, לעבעדיק. ס'איז אַן עראָטיק, וואָס סלונעט ניט איבערן מויל, און איז אויך ניט איינגעוועבט אין „הימלישקייט".

עס האָט זיך אָפּאַטאָשו'ן איינגעגעבן צו באַהאַלטן די געשיכטע און אויך זיין בקיאות, מען זאָל עס אַזוי ניט זען ווי אין טיילן פון די „פוילישע וועלדער".

שוין פון דעם שטאַנדפּונקט פון אָנשרייבן איז עס אַן איינגעגעבן בוך.

און דערצו: מיר וואָלט זיך זייער וועלן די „רויזלין"־רויזע טרעפן אָפטער אין אונזערע פּראָזע־ביכער.

ס׳איז א בוך, וואָס האָט הומאָר, און אויך דיכטונג. פיינעם אָטעם.

דערביי זאָל מיר דערלויבט זיין איבערצוגעבן אַ פּערזענלאַך געפיל. איך האָב געזאָגט אז די „היסטאָריע" איז דורך אַפּאַטאָשו׳ן פאַרהיינטיקט געוואָרן. אָבער אַ פּאָר וואָכן נאָכן איבערלייענען דאָס בוך, האָט די „היינטיקייט" פון בוך זיך דאָך געגומען דערווייטערן פון מיר און איך האָב דערזען פאַר זיך עפּעס אַן אַנטיק, אַ אַלט־געפונען פיין־גראַווירטן, זילבערן בעכער...

די שיינקייט — פון אַ בעכער מיט בשמים אָנגעפּילט — עס זאָל שמעקן. איז דאָס א חסרון? ניין. נאָר אַזוי האָט דאָס בוך גענומען זיך באַווייזן צו מיר אַ פּאָר וואָכן נאָכן איבערלייענען עס, — אין טעג אומרואיקע, בייזע, ווען אַלערליי היינטיקע „פּענעקס" טראָגן זיך, רייסן זיך און מאָנען באַלדיקן אויסוועג — זאָל זיין ניט קיין גראַווירטער און ניט קיין „געצירטער".

## ברוך גלאַזמאַן

ברוך גלאַזמאַנ׳ס העלדן פון די „געקליבענע ווערק" (5 בענד) חלומ׳ען — אין פּאָרזעצונגען. אין איין פּאָרזעצונג ווילן זיי זיך דערמאָנען וואָס ס׳איז געווען, און וואָס האָט פּאַסירט אין דער פריערדיקער פּאָרזעצונג. ס׳איז זיי שווער איבערצערייסן איין „ראָמאַן" און אָנהויבן אַ נייעם. און צווישן איין פּאָרזעצונג און אַ צווייטער — וואָס איז געשען?

געשען איז — איבערגעריסנקייט.

און דאָס איז דער הויפּט־מאָטיוו, וואָס באַאומרואיקט גלאַזמאַנ׳ס קינסטלעריש געמיט.

ער טרויערט אויף: איבערגעריסנקייט. דער חלום פון א מענטשן ווערט איבערגעריסן, דאָס לעבן ווערט איבערגעריסן, דער וועג ווערט אָפּגעהאַקט. און ווי דאָס יחיד׳ישע, אַזוי אויך דאָס סאָציאַלע און דאָס נאַציאָנאַלע לעבן. איז איבערגעריסן געוואָרן דאָס אידישע לעבן, ווער ווייס צי איין פּאָרזעצונג האָט צו טאָן מיט דער פריערדיקער? און סטרייקס, סאָציאַלע קאַמפן, ווערן אויך איבערגעריסן (ווי די מעשה צום סוף פון זיין גוטן אידיש־אַמעריקאַנישן ראָמאַן: „אויף אַן אינזל"), ניטאָ קיין גאַנצקייט.

גלאַזמאַן ניואַנסירט זיין מאָטיוו, אָבער די העלדן זיינען ענלאַך איינער אויפן צווייטן. גלאַזמאַן זוכט נייע סביבה, ער האָט באמת אַ סך היגע, אידיש־אַמעריקאַנישע סביבה אָנגעטאַפּט; ער זעט פעלדער, אינזלען, ים׳ען, ער זעט ניו־יאָרק, דזשאָרדזשיאַ, איד, נעגער. אָבער די העלדן גייען אומעטום מיט מיט אים. זיי



גיבן זיך אַנדערע נעמען — דאָך — דער מזל זייערער בלייבט דער זעלבער...

העלדן וואָס חלומ׳ען אין פּאָרזעצונגען. און פון דעם נעמט זיך גלאַזמאַנ׳ס נייגונג צו דערמאָנען זיך. אַלע זיינע העלדן דאַרפן זיך אָן עפּעס דערמאָנען: דערמאָנען זיך אָן קינדהייט אָן פאַרגאַנגענע חלומות, אָן א לעבן וואָס איז פאַרגאַנגען.

גלאַזמאַן איז שטאָטיש, אַמעריקאַניש. ער נעמט ניט אָן די שטאָט, אָבער: זוכט אַוועג — וואָס קען דאָ געטאָן ווערן, אַז מען זאָל די „שטאָט" יע קענען אָננעמען?...

אין גלאַזמאַנ׳ס שרייבן פילט זיך מער ווי באַ אַנדערע פּראָזאַאיקער דער איינפלוס פון דער אַמעריקאַנישער און ענגלישער ליטעראַטור. ער זעט די פּרעירי פון אַמעריקע, און די פּאַרקעמפּעוועטקייט פון אידישן לעבן. און עס ציט אים אַזוי צום ים! ער זעט דאָ דעם נעגער, און ער דערנענטערט אים אָפּט צום אידן. ער פילט דעם גרויסצוג פון דער שטאָט, און די אָפּגעשטופּטקייט פון דאָרף. און אינדערמיט פון דעם אַלעמען: די פרוי און דעם מאַן.

די פּראָבלעם פון שטאָט־ליבע, אָדער ליבע אין שטאָט און ראָמאַנטיק — אַרום דער שטאָט... די פּראָבלעם פון עראָטיק. און מענטשן זיינען אָפּגעריסענע, אָפּגעריסענע פון אַרומיקן לעבן און אָפּגעריסענע פון זיך אַליין.

ווייל אָפּגעריסנקייט — דאָס איז גלאַזמאַנ׳ס הויפּט־מאָטיוו.

א לעבן אין פּאָרזעצונגען, אַ חלום אין פּאָרזעצונגען. און צווישן איין טייל חלום און דעם צווייטן טייל — אָפּגעריסנקייט.

דאַכט זיך: אָט, מען דאַרף נאָר אויסשטרעקן די האַנט און מען קען גאַנץ מאַכן, אָבער ס׳איז שווער.

דעריבער דוכט זיך אָפּט, אַז גלאַזמאַן מאַטערט זיך. ווי איינער וואָס מאַטערט זיך אָנצוכאַפּן אַ ברעג פון אַ פאָדעם, וואָס ליגט פאַר זיינע אויגן אויפן דאַך און — ס׳איז שווער...

איינס פון זיינע סאַמע בעסטע זאַכן איז די קורצע דערציילונג „אויף די פעלדער פון דזשאָרדזשיע". אַ פיינע צונויפגענומענקייט פון עטלאַכע מאָטיוון: אָפּגעריסנקייט פון איד און אמעריקע; עלנטקייט פון נעגער און נעגער־פרוי; שקלאַפעריי אויף פּלאַנטאַציעס; אידן וואָס וואַנדערן אונטערוועגנס; ניט־אויסגעלעבטע לעבנס. מענטש אין אַמעריקע, נעגער אין אַמעריקע, איד אין אַמעריקע — און מענטש פאַר זיך אַליין.

מיר פאַרדריסט נאָר איין זאַך, פאַרוואָס דער איד ווערט (פון גלאַזמאַנ׳ען) פּלוצלונג פאַרשוואונדן ווען די נעגערין, נאָך אַ נאַכט פון וואַרפן זיך אין היץ און בייגקשאַפט איז געקומען צו אים.

צו אָפּט פאַרשווינדן באַ גלאַזמאַנ׳ען די מענער ווען די פרויען קומען צו זיי... עפּעס זיינען זיי מיר צו גרויסע צדיקים, און די פרויען, פאַרקערט, ווערן צופיל אונטער פאַרדאַכט געהאַלטן.

בא גלאַזמאַנ׳ען איז שוין אַמאָל פאַרשוואונדן געוואָרן, בא אַן ענלאַכע סצענע, אַ מאַן מיטן נאָמען אשר, און נאָך עטלאַכע זיינען פאַרשוואונדן געוואָרן — אָדער האַלטן באַם פאַרשווינדן... פאַרשווינדן און לײַדן צופיל. ראַנגלען זיך צופיל מיטן יצר־הרע. דער יצר־הרע האָט זיך נאָך ניט אויפגעוועקט און זיי זיינען שוין וואָך... אָדער: גלאַזמאַן איז ברוגז אויף דער וואַכיקייט און וואָכיקייט פון שטאָט־לעבן. אַ געשריי, וואָס אַנדערע אין דער וועלט־ליטעראַטור האָבן שוין געשריען. אָבער איך גלויב ניט צי די קליין־שטעטלדיקע זיינען בעסער געווען. כ׳מיין „בעסער געווען", ווען מען קומט צו עראָטיק ווי צו אַ פּראָבלעם.

מיר דוכט: ס׳איז בלויז אַ פאָרזעצונג אַזאַ, מער ניט וואָס צווישן איין פאָרזעצונג און דער צווייטער איז אין דעם ניטאָ קיין איבערגעריסנקייט. עס גייט אַזוי כסדר פון דוד המלכ׳ן אָן, און נאָך פריער...

אָבער גלאַזמאַן זעט אין דער שטאָט — אַ פאַרוואולגאַריזירטקייט פון דער מענטשלאַכער מאָראַל. זיין מורא פאַר דער שטאָט, פאַרדאַכט אויף דער שטאָט, איז פאַרקערפּערט אין זיין גרויסן ראָמאַן „אויף אַן אינזל". פאַראַן אין דעם בוך זייער גוטע שטעלן, פיינע שילדערונגען, ניו־יאָרקיש, אַמעריקאַניש; נייע ווערטער, פּשוט׳ע נאָמען־ווערטער, וואָס גלאַזמאַן האָט געדאַרפט אויפזוכן צו שילדערן געשעענישן פון פישער־לעבן און פּאַסירונגען אין אַ נייער סביבה.

אגעוו, דער העלד פון ראָמאַן „דאָן", איז אַן אינטערעסאַנטע געשטאַלט פון אַ איד אַ אידעאַליסט אין אַמעריקע. ער איז ענלאַך אויף איגנאַטאָוו׳ס בערמאַן (פון „אויף ווייטע וועגן"), אָבער ער איז געשריבן געוואָרן פריער (כאָטש ניט פריער פאַר איגנאַטאָוו׳ס ברוכ׳ן פון אין „קעסלגרוב").

אַ פּאָר כאַראַקטעריסטישע שטריכן:

גלאַזמאַן וויל אַ טעמע צופיל אויסשעפּען.

ער זאָגט אויס, ניט נאָר זאָגט (ווי איינער זאָגט אויס פון חדר...).

האָט אָפט אַ נייגונג צו בעלעטריסטישער פּובליציסטיק.

זיין סטיל: ליריש־מאָנאָלאָגיש. ניט טעאַטראַלישער — מאָנאָלאָג, ווי צום ביישפיל, בא שלום עליכמ׳ען אין „אַן עצה", נאָר — ליריש־מאָנאָלאָגיש, אַזוי ווי בא לירי־קער.

זוכט, מאָגט, שילדערט לײַדן פון אידישן שרייבער, איינזאַמקייט פון מענטש. און מיר דוכט, ווען גלאַזמאַן וואָלט אַפילו געשילדערט אַנדערע פעלקער, אַנדערע טיפּן, וואָלט ער אויך דוקא אויסגעזוכט די זייטיקע, די לײַדנדיקע, די וואָס מאַטערן זיך. ווייל אויף דעם פאַרדריסט אים אין אַלגעמיין: אויף דער מאַטערניש פון לעבן, אויף דער אָפּגעריסנקייט.

אַ שרייבער זוכט זיך אָפט אויס אין דער וועלט די סביבה וואָס ער דאַרף, וואָס פּאַסט זיך צו צו זיין געמיט.

אַ שפּין יאָגט, יאָגט איבער אַ צוים און בלייבט פּלוצלונג שטיין אין אַ טונקעלן ווינקל. דאָ איז זיין „סביבה", דאָ וועט ער וועבן זיין געוועב...



אַרטשיבאַלד מעקליש — אידיש: דר. א. אייסען

# שמועסן *)

ווי קען מען שמועסן סתם?
עס שרייט אַ גאַנצע נאַכט דער ים —

ווי נוצט מען דעם פאַרשטאַנד?
עס רופט דער ווינט אָן אויפהער איבערן לאַנד —

ווי הערט מען אויס אַ סוד?
ווען אונזער ערד אויערן האָט —

צי מוז מען זיין פאַרטויבט, פאַרשטומט,
ביז שטילקייט קומט?

# מענער

אונזער געשיכטע איז ערנסט, דערהאַבן און טראַגיש;
מיר האָבן געגלויבט אין דעם בליק פון דער זון אויף די גרינע בלעטער;
מיר האָבן געבויט אונזערע שטעט פון שטיין מיט דויערהאַפטע באַפּוצונגען;
מיר האָבן באַנוצט די האַרטע שטיינער פאַר באַסינען מיט וואַסער.

מיר האָבן געגלויבט, אַז עס פיהלט די ערד אונטער אונז:
מיר האָבן פאַרפלאַנצט קאָרן, עפּל־ביימער, ראַבאַרבערים —
דאָך האָבן מיר געוואוסט, אַז אַנדערע זיינען געשטאָרבן, —
יעדע זאַך, וואָס מיר האָבן געטאָן איז געווען ריכטיק און סכנה׳דיק.

מיר האָבן געגלויבט אין די פאַרשפּרעכונגען פון די געזיכטער פון די פרויען;
מיר האָבן געבערן קינדער ביינאַכט אין דעם וואַרעמען וואָל;
מיר האָבן זיך געשטעלט פּנים אל פּנים אַנטקעגן די וואָס האָבן אויס מורא
גערירט אויף אונזערע פּלייצעס;
די וואָס האָבן זיך קעגן אונז געשטעלט זיינען שוין פאַרשוואונדן.

מיר האָבן געקעמפט אין די גראָבנס אונטער דער שאַרפער זון פאַר אונזער שטאָלץ;
מיר האָבן געפּויקט אין באַראַבאַן און האָבן מאַרשירט מיט מוזיק און געלעכטער;
מיר זיינען געלעגן אין שטרוי פאַר׳שיכור׳ט פון אונזערע שיינע חלומות;
מיר האָבן געזען די שטערן דורך די האָר פון תאוה׳דיקע פרויען.

אונזער געשיכטע איז ערנסט, דערהאַבן און טראַגיש;
גאָר פיל פון אונז זיינען געשטאָרבן און זיינען פאַרגעסן;
פיל שטעט זיינען פאַרוויסט און זייערע קאַנאַלן פאַרטריקנט;
מיר האָבן אין דעם לאַנד גאַנץ לאַנג שוין געלעבט, און מיט כבוד.

*) אַרטשיבאַלד מעקליש — איינער פון די אָנגעזעענע אַמעריקאַנער דיכטער פון ונגז דור האָט לעצטנס באַקומען דעם יערלאַכן „פּוליצער־פּרייז" פאַר פּאָעזיע.

שלמה שוואַרץ

## טריט . . .

I

טריט אויף נייע וועגן,
זונען איבער מיר ;
דריק איך ליב און האַרציק
הענט געקרעפטיקטע פון מי...

טריט אויף נייע וועגן,
לידער אין דער הויך !...
פון פאַבריקן היציקע
קוימענס פול מיט רויך...

טריט אויף נייע וועגן,
יוגנט גייט פאָראויס !...
לידער—יונג געפלאַנצטע ביימער
וואַקסן שטאַרק און גרויס.

II

איבער מיין קאָפּ — שטערן,
און אין האַרצן — פרייד.
ערגעץ פירן ברייטע וועגן,
ערגעץ פלאַמען — רייד !...

זינגען אין די הויכן
דראָטן, ווי די בינען ;
פריש איז מיין פרימאָרגן,
לויטער מיין באַגינען...

הילכן, הילכן יונגע טריט,
אָנקום איז מיין טראָט !
גריסט מיך פול מיט ליבע —
פעלד, דאָרף און שטאָט...

---

אליעזר גרינבערג

## יאַשע גאָלדמאַן

אין יונגן בלי פון יאָרן, צו 25, באַגייט אין 1929 דער דיכטער, יאַשע גאָלדמאַן, זעלבסטמאָרד. אין א בריוול צו חברים, וואָס ווערט געדרוקט אין דער פאָררעדע צו זיינע לידער, פון דעם סאָוועטישן קריטיקער דונעץ, לייענען מיר :

„מיין צושטאַנד איז זייער א שווערער און דאָס טרויעריקסטע איז דאָס, וואָס די דאָקטוירים אַליין ווייסן ניט וואָס צו טאָן מיט מיר. אַרבייטן בין איך ניט אומשטאַנד און איך טאָר ניט“...

דאָס ביכל לידער איז דערשינען אין צענטראַל פאַרלאַג פון פ. ס. ס. ר. אין 1931, צונויפגעשטעלט דורך אַ ספּעציעלער קאָמיסיע פון די סאָוועטישע שרייבער, כאַריק, דונעץ, וויטענזאָן, יודעלסאָן און ראסין.

דונעצ׳ס פאָררעדע צום ביכל שטילט נישט אונזער נייגיר מיט ביאָגראַפישע דעטאַלן וועגן דעם פריציזיטיק-אומגעקומענעם דיכטער. די שולד איז אָבער ניט דונעצ׳ס, ווייל שוין אין אָנהייב פון דער פאָררעדע גיט ער באַלד צו, אַז : „חוץ די לידער זיינע (גאָלדמאַנ׳ס) האָבן מיר וועגן אים גאָרניט, אפילו נישט קיין ביאָגראַפישע באַשרייבונג און דער גרונט-דאָקומענט פון זיין לעבן און שאַפן זיינען די לידער, וועלכע זיינען אַריין אין דעם זאַמלבוך, געשריבן אין משך פון 1925-1929“.

פון אָנדייטן אין דער פאָררעדע און אויפן סמך, אַז די לידער זיינען די איינציקע „גרונט-דאָקומענטן“ פון דיכטער׳ס לעבן, דערוויסן מיר זיך : אַז גאָלדמאַן שטאַמט פון פוילן. געבוירן אין לאָדז באַ אַ בירגערלאַכער משפחה. שפּעטער געלעבט אין וואַרשע. אז ער האָט זייער פרי אין לעבן פארבונדן זיין גורל מיט קאָמוניסטישער טעטיקייט. ער ווערט אַליין אַן אַרבעטער. שוואַרצט אַריבער די גרעניץ קיין סאָוועט-רוסלאַנד, שליסט זיך אָן אין דער רויטער אַרמיי. און אז צוליב קראַנקהייט פאַרענדיקט ער אַליין, אין בלי פון יאָרן, זיין יונג לעבן.

אָבער דער וויכטיקסטער פאַקט איז — און דאָס ווערט אונז קלאָר לייענענדיק גאָלדמאַנ׳ס לידער, אַז גאָלדמאַן האָט קינסטלעריש אין זיין דיכטונג, אַ פאַרכלינעטער, אַקצעפּטירט זיין נייע סאָוועטישע היים און דעם נייעם לעבנסשטייגער וואָס האָט נאָכגעפּאָלגט נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע. מען פילט (און דאָס איז זיין גרעסטע מעלה) לייענענדיק גאָלדמאַנ׳ס לידער — אַז דאָס איז ניט גלאַט-אזוי געזונגען אויף סאָוועטישע טאָג-פראַגן און צייט-פּראָבלעמען. נאָר אז דאָס איז זיין אָטעם. מען גלויבט אים. מען פילט, אַז געקומען איז ער צו אַקטועלער טעמאַטיק א חוץ דורך פּערזענלאַכער דערפאַרונג אויך דורך א וויטאָקדיקן געראַנגל מיט זיך אַליין, מיטן וואָרט ; ער האָט זיך געמאַטערט צו געבן דער סאָוועטישער טאָג-פראַגע, דער צייט-פּראָבלעם — איר קינסטלערישן תיקון אין דער דיכטונג.

אמת, דאָס איז אים ניט אַלעמאָל געלונגען. און ס׳איז ניט קיין גרינגע אויפגאַבע. מען קען זאָגן, אַז עס איז אים אפילו זעלטן אינגאַנצן געלונגען. אָבער אַן אָנשטרייגונג דאָס צו דערגרייכן — פילט זיך אין א סך פון זיינע לידער. און אז מען האָט אין זינען אַז צו 29 יאָר איז ער שוין אויף אייביק אַנטשוויגן געוואָרן, איז זיין ביכל לידער, זיכער א דיכטערישע דערגרייכונג. אין די יאָרן, אין די כמעט ערשטע דיכטערישע טריט, איז נאַטירלאַך, אַז גאָלדמאַן זאָל ניט זיין אינגאַנצן פריי פון פרעמדן דיכטערישן איינפלוס. זיין ליד איז באַווירקט און וויגט זיך, אָפטמאָל אָפּהענגיק פון שטימונג, ווי אויף צוויי וואָגשאָלן. אויף איין וואָגשאָל פילט זיך אין זיין ליד, די עקסטאַטישע, פּויערלאַכע פאַרערלאַכונג פון דער רוסישער רעוואָלוציע, אַ טאָן וואָס דער טראַגיש אומגעקומענער דיכטער אָשר שוואַרצמאַן האָט אָנגעשלאָגן בלויז אין עטלאַכע פון זיינע בעסטע (לעצטע) לידער. און מאָדנע, וואָס אויך שוואַרצמאַן איז יונגערהייט, צו 29 יאָר געפאַלן אין שלאַכט, אין אַ צוזאַמענשטויס מיט א פּוילישער מיליטער-גרופּע אין 1919. מאָדנע, וואָס אויך שוואַרצמאַן איז אַריינגעטראָטן אין דער רויטער אַרמיי און שרייבט דעמאָלט א באַרוישטער אזעלכע שלאַכט- און אויפשטאַנד-לידער :

„אויף גיך צום פערד,
די האַנט שטאָל אָן,
ס׳איז איצט די שווערד,
די שפּיז — אַ פאָן —
דער שונא באַ די טויערן !“

און :

„אין שניי אין ווילדן לאַנד
מיט ביקס אין האַנט,
מיט וואַרים בלוט אין האַרצן
פאַרטייע איך זיך איצט
און לאָקער נאָך דעם שונא !“

גאָלדמאַן זינגט שפּעטער אויף דער זעלבער טעמע. אָבער קינסטלעריש א סך רייפער, מענלאַכער און ער בויט זיין קאָמפּאַקטע שורה פול מיט וואַרים-בילדלאַכן אינהאַלט, באַהעלט פון א ליכטיקער וויזיע :

„פאַרנאַכט, ווען ס׳ברענט אויף טונקל-בראָנז
דער סאָסנע וואַלד,
און אין די רייען שווייגן גרויזאַם די
דיוויזיעס,
קוקט דאַן אַרויס פאַרטייעטער און
פאָרכטיק קאַלט
די האַרטע שיין, וואָס טוקט זיך אינם
שטאָל פון שפּיזן“.

און אין אַן אַנדער ליד „אַנטקעגן צילברעט“ זינגט ער :

„נאָך דרימלען פאַרטאָגיק די סאָסנעס, נאָר
ס׳שיינט שוין בעריאָזעווער זילבער,
מיט פרישע, מיט פריידיקע טויען באַפייכט
איז מיין נאָענטע ביקס.
דורך שטאָלענעם צינגל געפין איך דעם
פּינטל, דעם שוואַרצן פון צילברעט,
און ס׳דוכט מיר, אַז ס׳קוקט אויף מיר
עמיצ׳ס א לעצטער פאַרטרויערטער בליק“.

דאָס ליד שטייגט. מענטשלאַך-טראַגיש שטייגט עס פון פערז צו פערז. ביז :

„מיר האָבן דורך דורות געטראָגן אויף
אַקסל די פינצטערע קללה,
און מען האָט אָנשטאָט ברויט אונז געזע־
טיקט מיט פולווער און מיט דינאַמיט“...

אויף דער צווייטער וואָגשאָל געפינען מיר
אין גאָלדמאַנ׳ס ליד פרישע ציכנס פון
יעסענינ׳ס האַרבער מעלאַנכאָליע. מיר געפי־
נען באַ אים אַזעלכע דירעקט באַווירקטע
שורות פון יעסענינ׳עז, ווי:

„כ׳בין איצט אי ווייך און צאַרט, אי האַרט
און פראַקטיק,
בלויע אויגן מיינע שפיזן שוין מיט שטאָל“

אָדער:

„בלאָנדע היים מיינע, מיין פוילישע, ווי
טוט מיר וויי!“

און:

„פרישער סנאָפ פון קאָפ מיינעם פון בלאָנדן“

און ווידער:

„אַז ווער קען מיין מאַמען דאָרט טרייסטן,
איך האָב ניט קיין טרייסט־וואָרט פאַר איר,
מיין ליבע, מיין גרויסע, מיין הייסע
צו אַנדערער טרייסשאַפט מיך פירט“...

ב

אין ביכל געפינען זיך אָבער לידער וואָס
שטייען אויסער יעדער פרעמדער ווירקונג.
זיי זיינען געשריבן פון א דיכטער וואָס
האָט טראָץ זיין באַרוישטקייט קיינמאָל ניט
פאַרגעסן דעם טראַגיש־מענטשלאַכן גורל.
מען האָט אַלעמאָל דאָס געפיל ליי‏ענדיק
די לידער, ווי איך האָב שוין פריער אָנגע־
מערקט, אַז גאָלדמאַן באַנוצט זיך כמעט
אויסשליסלאַך (טעמאַטיש) מיט דער האַר־
טער, סאָוועטישער וואָר. ער נעמט פאַר זיין
טעמע: „אין לאַנד פון לעניג׳ס פאָן און
קאָמינטערן“, „דעמאָנסטראַציע“, „קראסין“,
„א חבר איז געפאַלן“ און אַנדערע, דאָך געפי־
נען די טאָג־פראַגן באַ אים א דיכטערישן
תיקון. ער באַהויכט זיי מיט אַ לעבעדיקן
אָטעם פון דיכטונג. און דאָס לאָזט זיך ניט
זאָגן וועגן פיל דיכטער וואָס רירן זיך צו
צו דעם מאַטעריאַל, וואָס רעגט אזוי שטאַרק.

און דאָס געלינגט אים דערפאַר, מסתמא,
ווייל זיין אַקצעפטירן די רעוואָלוציע
איז נישט געווען קיין מעכאַנישע. ער האָט
דעם צעברויז פון אויפשטאַנד אויף זיך
מיט געוואַלד נישט ארויפגעצוואונגען. ער
איז געפירט געוואָרן פון אַן איבערלאַך־טיפן
גלויבן און פון אַ העלער וויזיע, אַז:

„באַ פייערן און בליצן אויף הילכיקע
פלעצער
מיר האָבן געשריבן אַליין די געזעצן.
מען האָט זיי געשריבן אויף אַ צייט, אויף
דערווייל נאָר,
ביז צעגיין וועט דער רויך און דער שטויב
אויף די מיילן“.
און אז:
„און ווער ס׳וועט פון אונז דאַן פאַרבלייבן
דער לעצטער,
וועט נעמען די געזעצן אָן דער ערד זיי
אַ זעץ טאָן“.

אַ ליד ווי זיין „אין ווייסן עלנט“ (מיר
דוכט, דאָס בעסטע אין בוך), „מיין ערשטע
שורה“, „געזעצן“, „בין השמשות“ און אַנד.
זיינען זיכער א דערגרייכונג.
אַזעלכע שורות געדיינקען זיך:

„באַפאַלן דעם טאָג די פאַרנאַכטיקע שעה׳ן
צעשלעפן דאָס גאָלד.
אין בענקשאַפט פאַרגייען זיך קראָען —
ס׳פאַרנאַכטיקע פאָלק“.

יאָשע גאָלדמאַן האָט זיכער פאַרמאָגט דעם
געהיימען שפרוך — וואָס רעגט אונז אָן
ווען מיר קומען אין קאָנטאַקט מיט עכטער
שעפערישקייט. עס איז זיכער, אַז אים איז
נישט באַשערט געווען אויסצודריקן אינ־
גאַנצן זיין באַרוף. אויסצלאָדן אלע זיינע
פייערלאַכע פאַרהערלאַכטע וויזיעס פון דער
האַרטער סאָוועטישער וואָר, וואָס ער האָט
אַליין אויסגעלאָשן, מיט אייגענער האַנט.
ווייל ווי מיר ווייסן שוין: איז יאָשע
גאָלדמאַן אין 1929, צו 25 יאָר, באַגאַנגען
זעלבסטמאָרד.



# ליטעראַרישע פאַסירונגען

ב. ריווקינ׳ס 50־יאָריקער יובילייאום איז
געפייערט געוואָרן שבת, דעם 11טן יוני.
עס איז אין גרויסן האַיאַס־אודיטאָריום
דורכגעפירט געוואָרן א שיינע יום־טוב׳דיגע
פראָגראַם. דוד פינסקי איז געווען פאָרזיצער.
אַ לענגערע רעדע וועגן ריווקינ׳ס אָרט אין
דער אידישער קריטיק האָט געהאַלטן ב. י.
ביאַלאָסטאָצקי. קורצערע רעדעס האָבן גע־
האַלטן: א. קורץ (אין נאָמען פון „פראָ־
לעטפען“); י. קרעפּליאַק (אין נאָמען פון
זשורנאַל „צוקונפט“); דר. י. שאַצקי (אין
נאָמען פון „פען־קלוב“) און ז. וויינפער
(אין נאָמען פון „אויפקום). דער לעצטער
רעדנער איז געווען ברוך גלאַזמאַן.

אין דעם קינסטלערישן פראָגראַם האָבן
איינטייל גענומען: י. בולאָוו, דער זינגער
מאַקס בראַדין, בעלא באַלערינא.
עס זיינען געקומען א היבשע צאָל שרייַ־
בער און א גאַנץ היבשער עולם.
נאָכן ליטעראַריש־קינסטלערישן קאָנצערט
איז פאָרגעקומען א „היימישער באַקעט“.
דאָרט האָט ב. ריווקין געהאַלטן א לענגערע
רעדע און האָט באַרירט אי פערזענלאַכע
מאָמענטן, אי אַלגעמיינע פּראָבלעמען. ביים
באַנקעט האָט אויך גערעדט משה קאַץ, וואָס
איז ניט לאַנג צוריק געקומען קיין ניו־
יאָרק פון סאָוועט־רוסלאַנד.

* * *

אין סיטי קאָלעדזש אודיטאָריום, ניו־
יאָרק, איז פאָרגעקומען א ברוך גלאַזמאַן־
אָוונט. עס האָבן גערעדט: יואל ענטין,
ש. ניגער, ב. י. ביאַלאָסטאָצקי. פאַרשידענע
קינטלער, אַרטיסטן און מוזיקער האָבן דורכ־
געפירט א פיינע קינסטלערישע פראָגראַם.
צווישן זיי: ברוך לומעט, משה רובינאָוו,
בעלא שומיאטשער, מינוטא שומיאטשער,
דבורה לאַפּסאָן, מאַרק שווייד, ס. גאָלדענ־
בורג. דוד פינסקי איז געווען פאָרזיצער.

* * *

דעם 9טן יוני האָט דער ניו־יאָרקער אי־
דישער פען־קלוב געהאַט אַן אָוונט לכבוד
דוד איגנאַטאָוו׳ס ראָמאַן אין דריי טיילן
„אויף ווייטע וועגן“. עס האָבן גערעדט:
ב. ריווקין, א. לוצקי, דר. א. קאָראַלניק,
ז. וויינפער, א. בערגער, ב. י. ביאַלאָסטאָצקי.

* * *

אין דער שלום עליכם שול 14, ברוקלין,
איז פאָרגעקומען א „וויינפער־אָוונט“. עס
האָבן גערעדט ש. ניגער, ב. י. ביאלאָסטאָצקי,
א. ניסענזאָן, פעסיע כהנא, א. לינדער, מאַרק
שווייד האָט גערעדט און פאָרגעלייענט פון
וויינפער׳ס לידער. די זינגערין נעמי רי־
טער האָט געזונגען. ז. וויינפער האָט גע־
לייענט פון זיין ניי בוך: „געקליבענע
לידער“. י. ל. ראַבינער איז געווען פאָרזיצער

* * *

דעם 21טן מאַי איז אין ניו־יאָרק פאָר־
געקומען א סימפּאָזיום פון מיטלשול קינ־
דער פון ארב. רינג, שלום עליכם שול און
אידישע אַרבייטער שולן. פ. געליבטער, ביל־
דונגס־דירעקטאָר פון ארב. רינג האָט געעפנט
דעם סימפּאָזיום. דר. מ. וויינרייך איז געווען
פאָרזיצער. עס האָבן גערעדט 12 מיטלשול
תלמידים וועגן „נאַציאָנאַלע און סאָציאלע
פּראָבלעמען. דער סימפּאָזיום האָט איבערגע־
לאָזט א טיפן איינדרוק.

* * *

נחום שטיף (בעל דמיון), איז מער ניטאָ
צווישן די לעבעדיקע. איז אוועק פון אונז
אַ מענטש, וואָס האָט געבויט, געפאָרשט;
געבראָכן צוימען און ווידער־געבויט, גע־
זוכט — געפונען, און ווידער געזוכט. א
וויכטיקע פערזענלאַכקייט אין אונזער אידי־
שער ליטעראטור.

* * *

חיים ליבערמאַן איז לעצטנס געווען זייער
קראַנק, ער האָט דורכגעמאַכט א שווערע
אָפּעראַציע. איצט איז ער שוין אויפן וועג
צום פולשטענדיקן געזונט־ווערן. מיר פרייען
זיך זייער און שיקן ליבערמאַנ׳ען אונזער
גרוס.

ה. לייוויק האָט זיך אומגעקערט פון דער וויטער סאַניטאַריע קיין ניו־יאָרק. איצט געפינט ער זיך אין די קעטסקיל־בערג. ער פילט זיך פיל בעסער און טוט ווייטער זיין דיכטערישע אַרבעט, שרייבט לידער און אויך לענגערע זאַכן. זיין „דער גולם חלומ'ט אויפן בוידעם" איז גרייט צום דרוק. ער האָט אויך אָנגעשריבן א נייע דראַמע „עקדת יצחק".

* * *

אין שול 10 (שלום עליכם פאָלק־שול, בראָנקס), איז אונטער דער אויפזיכט פון לערער ל. שפּיטאלניק, דעם ווינטער געגרינ־דעט געוואָרן א „לעבעדיקע צייטונג". פּאָ־עטן, דערציילער, קריטיקער און אַנדערע שרייבער פלעגן אויפטרעטן אין איין אָוונט, יעדער מיט איין „נומער" — און צוזאמען פלעגט אויף אַזאַ אופן צוזאמענגעשטעלט ווערן א „לעבעדיקע צייטונג" מיט א לייט־אַרטיקל, פּאָעמע, נייעס, קריטיק, א. א. וו. איניקע „נומערן" זיינען געווען גאַנץ אינטערעסאַנט.

* * *

„ד י פ ע ד ע ר", מאַי־יון, רעדאַק־טאָר אהרן קאַרלין. עס נעמען איינטייל: ב. ריווקין, „שלעכטע וועגווייזער אין דער קריטיק"; משה וויטיעס, „דיכטער און לי־טעראַרטור"; אברהם רייזען, „ליטעראַרישע רעוויו" — אַ לענגערער איבערבליק איבער נייע ביכער. לידער פון נפתלי גראָס, יעקב גלאַנץ, שלמה שוואַרץ, א. א. גאָלדין, פּ. פּערלמוטער, ל. ראָזאָף (לענגערע באַלאַדע), ה. ל. סימאָן, סאָנעט פון וויל. שעקספּיר, איבערזעצט פון דר. א. אייסען; א דער־ציילונג פון שלום בין און ליטעראַרישע נאָטיצן פון אהרן קאַרלין.

* * *

אין רומעניע (אין מ.־סיגעט) האָט גע־נומען ארויסגיין אַ חודש־זשורנאַל אונטערן נאָמען „אויפגאַנג". י. ד. איזראַעל, רעדאקטער. די ערשטע צוויי נומערן מאַכן א גאַנץ גוטן איינדרוק. עס נעמען אנטייל קאָלעגן פון רומעניע גופא און אויך קאָלעגן פון אַנדערע לענדער.

* * *

יעקב גאָטליב (קאָוונע) האָט ארויסגעגעבן א לייננגערע פּאָעמע „קולות פון דער וויט". מיר וועלן עס רעצענזירן אין א צווייטן נומער „אויפקום".

* * *

שוין אָנגעקומען פון וואַרשע דער 11טער נומער „גלאָבוס". עס נעמען איינטייל: י. י. טרונק, לייבוש לעהרער, אהרן צייטלין, יצחק קאַצענעלסאָן, י. באשעוויס, וו. נאָמאַנ־סאָן.

* * *

דער פּאָעט און שריפטשטעלער, א. אלמי איז אָפּגעפאָרן פון ניו־יאָרק קיין אייראָפּע. ער וועט באַזוכן אַ ריי וויכטיקע צענטערס און וועט זיין אין פּוילן אַ לענגערע צייט. אַ גרופּע קאָלעגן האָבן קאָלעגע אַלמי'ן גע־מאַכט א חברים־אָוונט פאַר זיין אָפּפאָרן. אַלמי דער פּוילישער — איז שוין דאָרט נים געווען פאַר די לעצטע 20 יאָר.

* * *

„פ ר י י ע ש ר י פ ט ן" — זאַמל־בוך נומער 15. אונטער דער רעדאקציע פון י. נ. שטיינבערג, לאָנדאָן. אַרטיקלען און עסייס איבער סאָציאַליסטישע און אידישע פּראָבלעמען. עס נעמען איינטייל: י. נ. שטיינבערג, „וואָס איז פאַר אונז קאַרל מאַרקס"; א. מענעס, „אַלטע און נייע אי־דישקייט"; חיים זשיטלאָווסקי, „עדואַרד בערנשטיין"; ח. וואלף, „געזעלשאפט אין א געזעלשאַפט"; עזרא גודמאן, „שפּינאָזא און דער אימאַנענץ־געדאַנק"; י. רובין, „קינדער קאָלעקטיוון און סאָצ. דערציאונג"; ב. רעזווין, „סאָציאַלע און אַנטי־סאָציאַלע קונסט"; און רעצענזיעס געשריבן פון: י. ראַפּאַפּאָרט, י. ש. ר. ליכטענשטיין, און דיסקוסיע־אַרטיקלען פון: י. קאפּעלאָוו, א. ליבערט, ש. גיפּס.

* * *

„צ ו ק ו נ פ ט", פאַר מאָנאַט יוני, חודש־זשורנאַל, רעדאקטירט פון א. ליעסין. לידער פון: לייזער וואלף, שרה רייזען, אברהם לעוו, איציק מאנגער, מאַני לייב (איבערזעצונג פון לאָנגפעלאו'ס אַ ליד). נפתלי גראָס, מלכה לי און א. ליעסין. דער־ציילונגען פון יונה ראָזענפעלד, מרים ראַס־קין און ריי וויכטיקע אַרטיקלען, עסייס.




# בויבעריק

— פאַר קינדער

אינגלאַך און מיידלאַך, פון 5 ביז 15

בויבעריק שטרעבט נים צו האָבן קיין צו גרויסע צאָל קינדער. אַ קעמפּ ווערט אָפּטמאָל ערגער, ווען ער ווערט צו גרויס. 1933 וועט זיין א יאָר פון נאָך מער פאַרגרעסערן די באַקוועמ־לאַכקייטן פון די קינדער, מאַכן אַז יעדעס קינד זאָל קריגן וואָס מער אינדיווידועלע אויפזיכט אין עסן, רוען, פאַרווייַלונג, לערנען, און אין אַלע איינצלהייטן פון לעבן. מיט איין וואָרט, די צאָל קינדער וועט נים פאַר־גרעסערט ווערן, דערפאַר וועט אָבער שענער און רייכער ווערן דאָס לעבן פון די, וואָס וועלן דאָרט זיין.

דעריבער איז גאָר קיין וואונדער נים, פאַרוואס בויבעריק האָט זיך פאַרשאַפן אַזאַ גוטן נאָמען אין דער גאַנצער פּראָגרעסיווער אידישער וועלט אין דעם דאָזיקן גוטן נאָמען ליגט א סך שווערע און פאַראַנטוואָרטלאכע אַרבעט דורך 12 יאָר פון אויספּרובירן און פאַרגרעסערן.

פרייז פאַר אַ גאַנצן סעזאָן
135 דאָלאר

עס ווערן אויך אָנגענומען קינדער פאַר אַ האַלבן סעזאָן.

שרייבט צו:
CAMP BOIBERIK
133 Second Ave., New York City
Tel. DRydock 4—2830, 1357



# מ. סווידער

דער אייגנטימער
פון דער

# אַסטאָריאַ פּרעס

61 איסט 4טע גאַס
ניו־יאָרק



עס איז שוין אָפן און עס לאַדט אייך

# קעמפּ „ניי־וועלט"

(פון די אידישע אַרבעטער שולן)
ניובורג, נ. י. טעל. ניובורג 4589

אַ קעמפּ פאַר קינדער און דער־וואַקסענע. קינדער—אינגלאַך און מייד־לאַך אין עלטער פון 5 ביז 15—קאָן מען רעגיסטרירן אויף 10 וואָכן, אויף 5 וואָכן, אָדער אויף 2 וואָכן.—פּרייזן 12 און 13 דאָל. אַ וואָך און ווייניקער פאַר די, וועמען עס איז שווער צו באַצאָלן אזויפיל.

דערוואַקסענע צאָלן 14 און 15 דאָל. א וואָך; אַ וויק־ענד—$2.75 (אויך ווייניקער פאַר די, וועמען עס איז שווער צו באַצאָלן אַזויפיל).

שטאָט אַדרעס:
143 א. 103טע גאַס, נ. י.
טעל. ליהאַי 4—2382



# קעמפּ האַרמאָניע

(געוועזענער קעמפּ היימשול)

7טער סעזאָן—פאַר אינגלאַך און מייד־לאַך פון 5 ביז 15 יאָר.

אַלע באַקוועמלאַכקייטן. אַלע ספּאָרטן. דאָקטאָר, נוירס,, שווימען, גוטע אויפ־פּאַסונג אין אַ פּראָגרעסיווע אידישע אַטמאָספערע. ספּעציעלע אויפפּאַסונג אויף שוואַכע קינדער.

פּרייזן איצט שטאַרק רעדוצירט. קינדער ווערן אויך אָנגענומען אויף אַ גאַנץ יאָר. ענגלישע און אידישע שול און בעסטע היים.

שרייבט, טעלעפאָנירט און אונזערע פאַרטרעטער וועלן אייך באַזוכן

CAMP HARMONY
R. F. D. 3 Plainfield, N. J.
Tel. Plainfield 6-1474M-1

JP 2505.92
YP 2505.92
HARVARD COLLEGE
Dec 1, 1933
LIBRARY
Dr. A. A. Roback
Cambridge

חודש־זשורנאַל
פאַר ליטעראַטור

רעדאַקטירט פון
ז. ווײַנפּער
און
ב. י. ביאַלאָסטאָצקי

# דער אויפקום

פרייז 25 סענט

אָקטאָבער, 1933 — אַכטער יאָרגאַנג, נומער 4 — 34 — ניו־יאָרק

## ש. ניגער 50 אָר



מיר, קאָלעגן אייערע, באַגריסן אייך צו אייער פופציק יאָריקן יובילײ. מיר ווינטשן אייך לאַנגע יאָרן און שעפערישע אַרבעט.

י. אַפּאַטאָשו
א. אויערבאַך
ב. צ גאָלדבערג
פרץ הירשביין
ז. ווײַנפּער
דר. חיים זשיטלאָווסקי
ה. לייוויק
א. לעיעלעס־גלאַנץ
א. ניסענזאָן
יונה ראָזענפעלד
אברהם רייזען

# DER OIFKUM

*Literary Magazine*
Address: 61 E. 4th St., New York City.

„אונזער קעמפּ“ און קינדערוועלט

זומער היים פון אידיש נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד
הײַלאַנד מילס, נ. י.

די שיינע זומער היים פון פאַרבאַנד געעפנט מיט אַ נײַעם „סווימינג פּול“ און אַנדערע מאָדערנע איינריכטונגען פאַר אונזערע קינדער׳ס באַקוועמלאַכקייטן.

„קינדערוועלט“ גיט אייערע קינדער אַן אידעאַלע וואַקאַציע אין אַ אידישע דערציאונג. אַלערליי ספּאָרטס, פאַרווײַלונגען, טענץ, געזאַנג און עסן פון אַלעם גוטן. אויפפּאַסונג אויז למודים פון אַ קאָמפּעטענטן סטעף. רעגיסטרירט אייערע קינדער הײַנט!

פאַרברײַנגט אייער וואַקאַציע אין „אונזער קעמפּ“

Unser Camp & Kinderwelt
404 Fourth Ave., New York
CAled. 5-7440 AShland 4-0870

די פיינסטע פלאַש מילך? —
מיוניסיפּאַל באָטעל־מילך קאָמפּאַני
•
MILK and CREAM
704 E. 133rd STREET
Bronx, N. Y.

490 Astoria Press, 61 E. 4th St., New Yo

„אידישע שריפטשטעלער“
באַנד 1
„אייגענע“
פון ז. ווײַנפּער

עס איז אַ שיין אַרויסגעגעבן בוך. איר וועט דאָרט געפינען 22 אַרטיקלען וועגן אַ צאָל שריפטשטעלער פון אונזער יונגערן דור. ניט דוקא זייער ווערק, נאָר זיי אַליין ווערן פאָרגעשטעלט פאַר אייך דורכן אויג פונם מחבר.

א. ניסענזאָן, א. לעיעלעס־גלאַנץ, ברוך גלאַזמאַן, אפרים אויערבאַך, אַלמי־עליאַש־שעפּס, ב. י. ביאַלאָסטאָצקי, נפתלי גראָס, לייבוש לעהרער, גרשון גראַפּשטיין, חיים ליבערמאַן, יעקב גלאַטשטיין, מאַרק שווייד אליעזר גרינבערג, י. גויכבערג, פּסח מאַרקוס, אלעף כין, ראובן לודוויג, לוי פרידמאַן, ל. מילער, זוני מאוד, יאָסל קאָטלער און א. לוצקי.

ז. ווײַנפּער האָט אויך אַ פאָררעדע, וואָס הייסט: „און ווער בין איך?“.
דאָס בוך קאָסט נישט מער ווי 1 דאָל.

„געקליבענע לידער“
פון ז. ווײַנפּער

דאָס בוך „געקליבענע לידער“ איז דערשינען מיט אַ צייט צוריק. עס נעמט אַרײַן ז. ווײַנפּער׳ס בעסטע לידער, וואָס ער האָט געשריבן פאַר די 19 יאָר וואָס ער איז אין אונזער דיכטונג. עס הויבט זיך אָן מיט אַן אינטערעסאַנטע פאָררעדע פון דעם אומשטערבלאַכן משה לייב האַלפּערן.

וועגן ווײַנפּער׳ס לידער זײַנען געווען אַ גרויסע צאָל אָפּרופן מיט אַ סך אָנערקענונג.

פרייז פון בוך איז 2 דאָלאַר.
ביידע ביכער צוזאַמען $2.25

ווענדט זיך צו:
DER OIFKUM
61 E. 4th Street New York City